שנה ד׳
נומער 163
**פרשת תרומה**
תשפ״ג

# קריית ברסלב
בלעטל

**בריוו פון לייענער:**
א גרוס פונעם
שבת שקלים
אין שטעטל

**ארטיקל:**
געב מיר א
צובראכענע באנגעלוי

**פרוען ארטיקל:**
אינגאנצן פארפאלן

## שבת משפטים - שקלים
# אין קרית ברסלב
## מיט'ן ראש ישיבה שליט"א



## לשם מצות מצוה

ברסלב'ע מצה בעקעריי
אין פולן שוואונג



3
בריוו פון ליינער
באריכט פון שבת שקלים אין שטעטל


9
משה ארי' שניטצלער
געב מיר א צובראכענע באנגעלו


14
היכל הקודש נייעס
מסיבת הכרת הטוב רענט קאמפיין

20
מיט א טיפערן בליק
די זיידענע בעקיטשעס


24
א סעודה מיטן ר"ן
פרשת שמות אין ארץ ישראל חלק ב'


29
די ברסלב'ער שטוב
אינגאנצן פארפאלן




# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, ר. ווייסמאנדל, מרת ראטענבערג.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomiy@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com


קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169

## זמנים Liberty
תרומה י"א אדר תשפ"ג

הדלקת הנרות.........05:33
מוצאי שבת............07:04

מנחה מעריב תצוה ... 06:50

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יחזקאל שארף הי"ו**

**וזוגתו רחל תחי'**

**צו זייער נייע אינגל בעבי**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשוב משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

**מו"ה יוסף מאיר שטיין הי"ו**

**וזוגתו שרה חנה תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין דא אין שטעטל

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 24 | 28°/10° | | Partly Cloudy |
| Sat 25 | 28°/21° | | Cloudy |
| Sun 26 | 37°/18° | | Partly Cloudy |
| Mon 27 | 38°/26° | | Partly Cloudy |
| Tue 28 | 35°/23° | | Snow Showers |
| Wed 01 | 34°/22° | | Partly Cloudy |
| Thu 02 | 39°/27° | | Snow Showers |
| Fri 03 | 40°/25° | | Rain/Snow |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אל'ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין
שיחות הר"ן תכ"א



# בריוו צו די רעדאקציע

### הערליכע בלעטל

לכבוד די מערכת ה'קרית ברסלב בלעטל

א גרויסן שכח פאר די הערליכע בלעטל וואס קומט ארויס יעדע וואך, מ'איז זיך מחי' דערמיט יעדע וואך עקסטער.

די בלעטל ווערט נאר שענער אין שענער פון וואך צו וואך, די גרעפיקס פון די בלעטל האט זיך גאר שטארק ארויפגעבויעט, די דעקל פון די בלעטל פאריגע וואך איז געווען גאר שיין, ווי אויך די אלע ארטיקלען וואס מ'האט לעצטנס איבערגעמאכט, ספעציעל האב איך הנאה געהאט פון די נייע גרעפיקס פאר די קינדער אפטיילונג, ס'איז הערליך שיין, גאר א שיינע ארבעט.

חזק ואמץ!

אלי' ציג - וויליאמסבורג

### א באריכט פונעם הערליכן שבת אין שטעטל

לכבוד די חשוב'ע מערכת "קרית ברסלב בלעטל", שיחיו.

פותחים בכבוד הפנים חדשות, די שיינע נייע גרעפיקס פון די קינדער אפטיילונג; ווי געשמאק עס האט זיך געליינט ביז יעצט, איז עס יעצט פיל שענער און געשמאקער, כה יתן ה' וכה יוסיף אריינצוברענגען דעם הייליגן רבינ'ס לימודים אין די צאן קדשים לויט ווי דער ראש ישיבה לערנט מיט אונז.

זייענדיג אונטער
ד  י

געוואלדיגע פרייליכע און ליכטיגער רושם פון דעם פארלאפענעם שבת שקלים במחיצת דער ראש ישיבה שליט"א, וועל איך מיטטיילן מיט די חשוב'ע מערכת, וואס איז מהנה וואך איין וואך אויס מיט די געשמאקע זאפטיגע אויסגאבע - אביסל וואס מיר האבן מיטגעלעבט דורכאויס דעם שבת פרשת משפטים-שקלים תשפ"ג אין שטעטל.

איך גלייב אז יעדער איינער וואס האט מיטגעהאלטן דעם שבת, האט אויסער די כלליות'דיג שמועסן און דרשות פונעם ראש ישיבה, און אויסער די שיינע הארציגע דאווענען, בפרטיות אויפגעכאפט דורכאויס דעם שבת שינע נקודות און אנעקדאטן פונעם ראש ישיבה וואס איז א תורה שלימה וואס מ'קען זיך דערפון לערנען א געוואלד, און אויף דעם מהלך, אביסל אויף א פערזענליכער אופן, וועל איך בעז"ה שרייבן מיינע פאר שורות.

*

באמת גייט אונזער הכנה צום שבת שקלים צוריק מיט געציילטע וואכן צוריק, צו א מעשה וואס האט אונז געגעבן א שטארקע לימוד אין מידות, און אין זיין סענסעטיוו צו יענעמס געפילן.

עס איז געווען אנהויב דעם ווינטער (אויב מ'קען עס אנרופן ווינטער...) ווען דער ראש ישיבה שליט"א איז געווען באזוכן אין בית פיגא סקול (דאכט זיך מיר אין די טעג פון חנוכה), דער ראש ישיבה האט גערעדט פאר די תלמידות איבער מידות און צניעות און אין ענינים העומדים על הפרק. ביים סוף האט דער ראש ישיבה געפרעגט אויב איינע פון די תלמידות האבן עפעס צו פרעגן, מיין זעקס יעריגע טאכטער האט אויפגעהויבן איר הענט אז זי וויל עפעס פרעגן, דער ראש ישיבה האט איר געגעבן



רשות צו רעדן, און זי פרעגט מיט איר קינדרישע תמימות: "ווען קומט דער ראש ישיבה נאכאמאל באזוכן בית המדרש עצתו אמונה?" די אנוועזנדע האבן זיך געוואלט צושמייכלען פון די פראגע, אבער דער ראש ישיבה האט מיט זיינע גאלדענע מידות איר נישט צו פארשעמען געשטעלט אן ערנסטן טאן און זיך אנגערופן ערנסטערהייט: "דו פרעגסט זייער א וויכטיגע שאלה, איך האב זייער הנאה אז דו פרעגסט מיך די שאלה, ס'איז זייער א גוטע סימן אז ענק ווילן איך זאל נאכאמאל קומען צו ענקער שול", און דער ראש ישיבה איז ממשיך, כאילו ער רעדט דא צו אן ערוואקסענער מענטש: "איך האף אי"ה צו זיין אין שטעטל קומענדיגע פרשת משפטים-שקלים, און אויך אויף פסח אי"ה, אפשר וועל איך קומען צו ענק אויף א תפילה".

אנשטאט אהיימקומען פארשעמט, אויסגעלאכט, אפגע'חוזק'ט, איז אונזער טאכטער אהיימגעקומען אזוי פרייליך אז דער ראש ישיבה האט איר אליינס געזאגט, אז אפשר שבת שקלים אדער פסח וועט ער קומען דאווענען א תפילה אין בית המדרש עצתו אמונה.

אזא שיינע לימוד בענין מחצית השקל, טראכטן פון א צווייטן, זיך רעכענען מיט יענעמ'ס געפילן, נישט קיין חילוק די יארגאנג; א צווייטער האט אויך געפילן.

(דאס איז בלויז אחת מיני אלף וואס מ'האלט כסדר מיט, אבער דאס איז וואס איז יעצט נוגע לענינינו).

שכוח אייבערשטער פאר אזא ראש ישיבה, און חיבה יתירה נודעת לנו, אז ער לערנט אונז אויס די אלע שיינע לימודים און שכל.

*

א דאנק דעם סיפור האבן מיר אנגעהויבן מתפלל זיין אז מיר זאלן טאקע האבן די זכי' אז מיר זאלן קענען מיטהאלטן שבת שקלים מיט'ן ראש ישיבה, עס זאל זיין א שיינע וועטער וכו', און הלוואי זאלן מיר זוכה זיין אז דער ראש ישיבה זאל קומען דאווענען א תפילה אין בית המדרש עצתו אמונה.

*

פרשת משפטים קומט שוין אן, און מיט דעם די פריילעכע בשורה אז דער ראש ישיבה קומט בעזר ה' אין שטעטל, אבער מיט דעם איז אויך אנגעקומען די פלו ווייררוס דא אין געגנט. אונזערע משפחה מיטגלידער האבן באקומען הויך פיבער און געליטן פון א שטארקע שוואכקייט, פארשטייט זיך מיר האבן געטון וואס מ'דארף טון אין אזא פאל און מתפלל געווען מ'זאל זיך צוריקקערן צו די פרישע כוחות ווי שנעלער, און אויך קענען מיטהאלטן דעם שבת מיט'ן ראש ישיבה.

ס'איז געקומען פרייטאג אינדערפרי, און לויט די מצב הבריאות ביי אונז האט נישט אויסגעזען אז מיר וועלן קענען מיטהאלטן דעם שבת מיט'ן ראש ישיבה, בפרט נאכדעם וואס עס איז קלאר געווארן אז דער ראש ישיבה וועט דאווענען אלע תפילות אין ביהמ"ד אויף האשקי.

אבער, איז דען דא עפעס אויף וואס תפילה העלפט נישט?!

מיר האבן מתפלל געווען, די גאנצע משפחה, מקטן ועד גדול, אז מיר זאלן יא קענען מיטהאלטן די באטע ביים ראש ישיבה, און זיך מחזק געווען אז מיט'ן אייבערשטנס הילף וועט מען עס יא קענען מאכן.

*

פרייטאג נאכמיטאג בין איך געגאנגען צום בית המדרש אויף האשקי, איך האב זייער געוואלט טרעפן דעם ראש ישיבה, בפרט נאכדעם וואס איך האב נישט געוויסט אויב איך וועל אים קענען טרעפן דורכאויס שבת, למעשה איז ער נישט געווען אין בית המדרש, ער איז געווען ביי זיך אין שטוב און איך האב אים נישט געוואלט באדערן.

איך האב אבער באקומען א גלעט פונעם ראש ישיבה אפילו אן אים טרעפן... א אינגערמאן איז צוגעקומען צו מיר דערציילן, אז איין טאג די וואך איז ער געווען זייער צעבראכן, ער האט געהאט אן אייבערגייעכץ, איז ער צוגעגאנגען צום פלאץ וואו ער האלט זיינע זאכן צו ליינען, אפשר וועט ער טרעפן דארט עפעס זיך צו אויפפרישן, און ער זעט דארט דעם ספר "יכיר איש" אויף מסכת תענית. קודם האט ער געטראכט צו זיך 'ס'איז דאך נאר צאמגענומען פון בריוון, וואסערע חידושים קען שוין שטיין דארט?' אבער ווי נאר ער האט דאס גענומען אין די הענט האט ער אנגעהויבן צו שלינגען מיט דורשט די ליכטיגע דערפרישנדע חיזוק פונעם ראש ישיבה, דאס האט אים אריינגעברענגט אין א נייע וועלט, א

וועלט פון 'עס וועט זיין גוט', 'די שווערקייט וועט דורכגיין', 'דער אייבערשטער מאכט אלעס און פירט אלעס, זיי נישט באזארגט', און אזוי ווייטער, עס האט אים אזוי אויפגעפרישט און אויפגעהויבן זיין מוט, ממש ער איז געווארן א נייער מענטש.

שוין, דאס הייסט נישט געטראפן דעם ראש ישיבה...?

*

פרייטאג צו נאכטס האבן מיר זיך געשטעלט מער צייטליך ווי געווענליך אז מ'זאל האבן צייט צו ענדיגן די סעודה גענוג פרי אז די מתפללים זאלן נאך קענען עספיען אנצוקומען צום באטע, דער גבאי ר' אברהם הערש האט בפירוש געמאלדן פרייטאג אז עס גייט זיין א באטע.

*

יעצט נאך די סעודה הויבט זיך אן די קווענקעלנישן, יא אראפוואקן - נישט אראפוואקן? מ'מעג עס יא טון - מ'טאר עס נישט טון? אזוי אהין און צוריק, למעשה גייט דאך זיין א מלוה מלכה מוצאי שבת, פעלט טאקע אויס צו וואקן א שעה וועג צו די באטע? יא אבער למעשה קען מען דאך נישט אפשאצן וואס מ'קען געניסן פון איין שמועס פון דער ראש ישיבה, דאס איז שוין אויסער די חינוך וואס מ'וויזט פאר די קינדער אז מיר לעבן מיט א צדיק, אז דער ראש ישיבה איז דא אין שטעטל גייען מיר צו אים, אויסנוצן יעדע מינוט וואס מיר קענען זיך ווארעמען במחיצתו, און ב"ה אז די קינדער קענען שוין אויך אביסל אליינס אויפכאפן וואס דער ראש ישיבה רעדט, בפרט אז דער ראש ישיבה לאזט זיך אראפ צו די קליינע קינדער, זיי זאלן אויך קענען עפעס אויפכאפן.

ס'איז 20 דעגרי, ס'שנייט אביסל, וואס טוט מען דא? הייליגער באשעפער, העלף מיר זאלן וויסן וואס צו טון... מיר זענען נארוואס ארויסגעקראכן, כמעט אינגאנצן, פון די פלו, זאלן מיר גיין יעצט א שעה וועג אין די קעלט? אפשר וועט איינער פון אונז צוריקפאלן מיט א פארקילכאץ...? זאלן מיר נישט גיין? אפשר אז מיר וועלן גיין וועלן מיר ווערן באשיצט פון א פיל ערגערע ווירוס ווי די פלו? א ווירוס וואס דער יצר הרע קען אריינברענגען אין מח, א ווירוס קעגן די תורה, קעגן די אמונה, קעגן יראת שמים, קעגן אמונת חכמים? ס'בלאזט היינט אזעלכע קאלטע ווינטן קעגן די ערליכע אידישע וועג, אפשר וועלן אונזער קינדער געדענקען אז איינמאל ווען מ'האט נישט אזוי גוט געפילט האבן מיר זיך אנגעשטרענגט און געגאנגען צום ראש ישיבה, אפשר דאס וועט זיי שטארקן אין זייער דעמאלט'דיגע נסיון? אייבערשטער... וואס זאלן מיר טון?

איינע פון די זאכן וואס האט אונז געהאלפן מחליט זיין איז געווען די מעשה אינעם בלעטל פונעם תלמיד פון הרה"ק רבי מענדעלע וויטעפסקער זי"ע וואס האט געבעטן לאחר פטירתו אז ער וויל גיין צו זיין רבי', און מ'האט אים געמוזט לאזן, ווייל בחיים חיותו איז ער אויך געגאנגען, אפילו עס איז אים געווען שווער...

למעשה האבן מיר ב"ה מחליט געווען אז מ'וועט זיך גוט באפעלצן און ארויסגיין פון שטוב, מיר וועלן גיין ביז די עק גאס און זען אויב מיר האבן כח ממשיך צו זיין אדער מיר דרייען זיך צוריק...

שוין... דער אייבערשטער האט געהאלפן מיר זענען אנגעקומען צום באטע...

*

עס איז געווען א טאפלטער שלום זכר אין בית המדרש, ביי צוויי חשוב'ע משפחות פון שטעטל. אנשי שלומינו זענען געזיצן אין פארברענגט, קיין ווארט פאליטיק אדער נייעס; אזוי געשמאק געווען, בחורים און אינגעלייט, צווישן זיי פילע געסט וואס זענען געקומען אויף שבת, דער האט געשמועסט פון די בלעטל, א צווייטער וואס ער האט מיטגעלעבט ביי די סעודה פון דער ראש ישיבה, דער פון עצתו אמונה, דער פון די ליל שישי שיעור, און אזוי ווייטער, נישט אזוי ווייט אז מ'רעדט דא פון מענטשן וואס זענען אויסגעטון פון די וועלט, אדרבה, מענטשן וואס זענען אריינגעטון אין די וועלט, פון.. אמונה, שמחה, שלום בית, לעבן מיט א צדיק, תורה, און אזוי ווייטער.

*

קודם איז נישט געווען קלאר ווען דער ראש ישיבה קומט אראפ צו די באטע. איין אינגערמאן האט איבערגעגעבן אז ער האט געוואלט גיין צו דער ראש ישיבה אין שטוב, אבער דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מ'זאל נישט ארויפקומען צו אים אין שטוב, ער גייט אראפקומען צו די באטע.

*

דער ראש ישיבה איז אריינגעקומען און געגעבן

מזל טוב פאר די בעלי שמחה, דערנאך האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן מה ידידות, נאכדעם האט ער געזינגען א פלאנטשער "מעין עולם הבא".

*

דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן די דברות קודש מיט א הערליכע שיינע שיעור אין אמונה. אזוי ווי עס איז אויך געווען א וואכנאכט, האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן: "די וועלט פירט זיך צו דערציילט ביי א וואכנאכט די מעשה פונעם הייליגן בעל שם טוב ווי ער האט זיך געשלאגן מיט די כוחות הטומאה, אבער איך ווייס נישט אויב ווען א וואכנאכט געפאלט אום שבת דערציילט מען עס אויך, אבער מ'פירט דאך אויס, אז ס'מוז נישט זיין דוקא א מעשה פון בעל שם טוב, ס'קען זיין פון סיי וועלכע צדיק, ס'מוז נישט זיין דוקא פון געלט, וכו', וועלן מיר דערציילן א צווייטע מעשה פון בעל שם טוב", און דער ראש ישיבה האט דערציילט בשם מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, די מעשה פונעם הייליגן בעל שם טוב מיט'ן מעזריטשער מגיד זכותו יגן עלינו, ווי ער האט געשיקט דעם מגיד צו א פלאץ ווי מ'רוט זיך אפ אויפ'ן וועג, און איינער האט איבערגעלאזט דארט א רענצל מיט געלט, דערנאך האט עס א צווייטער געטראפן און עס געגנומען, נאכדעם איז געקומען א דריטער און דער ערשטער איז צוריק געקומען זוכן זיין רענצל און ער האט צושלאגן דעם דריטן, אז דאס האט מיט גלגולים, די גאנצע מעשה באריכות.

עס זענען געשטאנען קינדער הינטער דעם ראש ישיבה, און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: "קינדער קומטס נענטער, איך וויל ענק זען בשעת איך דערצייל די מעשה", און דער ראש ישיבה האט אראפגעלייגט די מעשה אז די קינדער זאל דאס גוט אויסהערן און מיטלעבן, בטוב טעם ודעת.

און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז יעדע מאל מוהרא"ש האט דערציילט די מעשה, און בכלל ווען ער האט איבערגע'חזר'ט א מעשה האט ער עס דערציילט אויף אן אנדערן אופן, מיט א קנייטש אנדערש, ס'זאל זיך הערן מיט א פרישקייט.

דערנאך איז דער ראש ישיבה אריין אין א שמועס וואס ברסלב איז, אז ברסלב איז "בעטן דעם אייבערשטן און דאנקען דעם אייבערשטן; נישט מער און נישט ווייניגער", אזוי ווי דער רבי זאגט אין תורה ב' אין לקוטי מוהר"ן (ב"ה היינט האבן מיר שוין דעם תורה מיט'ן פירוש שפתי תפתח), אז תפילה איז פי שנים, דאנקען און בעטן (דער ראש ישיבה האט אויך גערעדט פון דעם מוצאי שבת ביי מלוה מלכה), און דער ראש ישיבה האט גערעדט אז ביי מוהרא"ש איז נישט די סארט שפראך פון נשמות, וואסערע עבודה יעדער מענטש דארף טון לויט זיין שורש נשמה, און גלגולים וכדומה, משא"כ ביי אסאך מקומות רעדט מען יא פון די זאכן, מענטשן האבן עס ליב... אבער יעדעס מאל מ'איז אריין צו מוהרא"ש מיט א פראבלעם, נאך יעדע ליל שישי שיעור, אלץ איז געווען איין זאך: "בעט דעם אייבערשטן..."

דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט אז ביי מוהרא"ש איז אויך נישט געווען די סארט גערעדאכטס פון גשמיות און רוחניות; נאר איז עס מיט'ן אייבערשטן איז עס רוחניות, איז עס אן דעם אייבערשטן חס ושלום איז עס גשמיות. אפילו א קאר, געלט און א הויז, אז עס איז מיט'ן אייבערשטן איז עס רוחניות (אויך פון דעם האט דער ראש ישיבה גערעדט ביי מלוה מלכה).

דערנאך איז דער ראש ישיבה אריין אין זייער א שיינע שמועס איבער איינע פון שטארקע לימודים אין היכל הקודש, נישט צו זיין פארנומען מיט א צווייטן, ביי מוהרא"ש האט מען נישט געהערט איבער דער ענין פון מוחה זיין וכו', אדער בכלל זיין פארנומען מיט א צווייטן. דער ראש ישיבה האט דערציילט ווי איינמאל ביי א מסיבה אין ישיבה, ווי עס זענען געקומען פרויען, האט מען הויכע שמועסריי פון די ווייבער שול, און איינער האט געקלאפט אויף די ווייבער שול מ'זאל זיין שטיל, אז מוהרא"ש זאל קענען רעדן, האט זיך מוהרא"ש אנגערופן צו יענעם, וואס ביסטו פארנומען מיט יענעם? דו לעב דיין לעבן און האב נישט מיט א צווייטן.

*

דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט בענין משנכנס אדר מרבין בשמחה, אז לכאורה, דער רבי זאגט דאך מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד, איז ווי אזוי איז שייך מרבין בשמחה, מ'דארף דאך שטענדיג זיין בשמחה? איז דער ראש ישיבה אריין אין זייער א שיינע שמועס (דער ראש ישיבה האט אויך גערעדט פון דעם ביי מלוה מלכה), אז שמחה קומט דורך אמונה, ווען א מענטש ווייסט אז אלעס איז דער אייבערשטער, ער גלייבט אז דער אייבערשטער

איז דא, און עס איז נישטא גארנשט אויסער דעם אייבערשטן איז ער א פרייליכער מענטש, און אמונה האט דאך נישט קיין שיעור.

(אזוי ווי דער ראש ישיבה האט נישט לאנג צוריק מסביר געווען ביי א שיעור, אז פונקט ווי ס'איז א חילוק פון איינער וואס האט א פעני אין טאש צו איינער וואס האט א מיליאן דאלער, דער וואס האט א פעני אין טאש האט געלט און דער וואס האט א מיליאן דאלער אין טאש האט געלט, אבער ס'איז א חילוק הימל אין ערד וואס דער בעל הפעני קען טון מיט זיין געלט, און דער מיליאנער, דער בעל הפעני קען גארנישט טון מיט זיין געלט, און דער בעל המיליאן קען קויפן א הויז וכדומה, די זעלבע זאך איז מיט אמונה, יעדער איד האט אמונה, אבער אויב האט ער בלויז א פעני אמונה, וואס קען ער טון דערמיט...? משא"כ דער וואס בויט אויף זיין אמונה, ער רעדט צום אייבערשטן, פון אייבערשטן וכו', דער האט א הערליכע לעבן.

לויט דעם האב איך געטראכט א שיינע פשט אויף די ווערטער פון די משנה "באחד באדר משמיעין על השקלים", אז באחד באדר הייבט מען דאך אן צו פארמערן אין שמחה, ווי אזוי? אויף דעם זעלבן וועג ווי משמיעין על השקלים, אז מ'קלייבט צאם נאך אביסל אמונה, נאך אביסל אמונה, אזוי ווערט מען מער און מער פריילך).

*

דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט פון שמחות, אז ס'איז דא צוויי שלום זכור'ס מיט א וואכנאכט, און א באווארפן. ממש אזוי ווי מוהרא"ש האט געזאגט אין יבנאל, אז מ'וועט גיין פון איין שמחה צום צווייטן, צופרי א ברית, נאכמיטאג א חתונה און אזוי ווייטער און ווייטער.

דער ראש ישיבה האט גערעדט פונעם חתן, ווי וואונדערליך דער אייבערשטער פירט די וועלט, בפרט ביי די ענין פון שידוכים, ווי דער אייבערשטער האט מזווג געווען די חתן מיט די כלה וואס קומען פון צוויי מדינות. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז יעדע שידוך איז ניסים, נאר דא זעט מען עס מער ארויס (פון דעם האט דער ראש ישיבה אויך גערעדט מוצאי שבת ביי מלוה מלכה).

*

ווי אויך האט דער ראש ישיבה גערעדט פונעם פיוט "אור פניך", אז וואס מיינט אור פניך, דאס איז ווען מען שפירט דעם אייבערשטן, דאן איז דאס אזוי ווי מ'באקומט א שמייכל פונעם אייבערשטן.

פון דעם איז דער ראש ישיבה אריין אין א שמועס, אז די זעלבע איז ביי א צדיק, ווי געשמאק און ליכטיג איז ווען דער צדיק ווייזט א שמייכל, און ווי שווער עס איז די געפיל ווען דער צדיק קוקט נישט אויף דיר, דאס איז א שווערע נסיון (דער ראש ישיבה האט דערמאנט די תורה אין לקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן לה, אות ה).

און דער ראש ישיבה האט גערעדט פון די נסיונות וואס יעדער מקורב אין היכל הקודש גייט אריבער, און אביסל דערמאנט וואס ער איז אריבער. דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן מיט א קאך: "יעדער איינער דארף עפעס אוועקגעבן פון זיך צו קענען זיין אין היכל הקודש"; דער מיט משפחה, דער מיט פרנסה, און אזוי ווייטער.

*

איך האב געפרעגט איינער וואס האט געגעסן די סעודה ביים ראש ישיבה, וואס ער קען מיר דערציילן פון די סעודה, האט ער מיר געזאגט אז דער ראש ישיבה האט זייער שיין אראפגעלייגט פארוואס מ'פארשטעלט זיך פורים, בשם מוהרא"ש, ווייל די נס פורים לערנט אונז אז דער אייבערשטער איז איבעראל און טוט אלעס, נאר אסאך מאל איז עס פארשטעלט, וועגן דעם פארשטעלט מען זיך, צו ווייזן אז דער אייבערשטער איז דא, נאר נישט אייביג אנערקענט מען עס, דארף מען גלייבן אז דער אייבערשטער איז דא און אזוי קען מען אים זען און שפירן.

איך האב געטראכט, וואו, עס זעט אויס אזא פשוט'ע זאך, אבער דאס איז עפעס וואס איך קען מיטנעמען פון פורים אויף א גאנץ יאר, שכוח אייבערשטער.

*

נאך אזא הערליכע שיעור (דאס איז דאך נאר בקיצור נמרץ, אביסל וואס מ'קען אראפגעבן מיט ווערטער), און אביסל שיחות חברים, האבן מיר זיך שוין נישט געדארפט אזוי שטארק באפעלצן... עס איז אונז געווארן אזוי פיין ווארעם אין די ביינער און אין אלע גלידער; מיר האבן געדאנקט און געלויבט דעם

אייבערשטן אז מיר האבן נאכאמאל געהאט די זכי' צו זיין ביי א באטע פונעם ראש ישיבה, און הערן אזויפיל שיינע לימודים און חיזוק אויף אנצוגיין ווייטער אין לעבן.

***

מוצאי שבת איז פארגעקומען א הערליכע מלוה מלכה, ווי מיר האבן זוכה געווען צו הערן א הערליכע שיעור פונעם ראש ישיבה.

איך האב געזאגט פאר מיין קליינע טאכטער אז זי קען שפילן ביי מלוה מלכה מיט אירע חבר'טעס וכו', אבער פאר אפאר מינוט דארף זי שטיין ביי די מחיצה און אויסהערן אביסל וואס דער ראש ישיבה רעדט.

נאך מלוה מלכה האט איך איר געפרעגט וואס זי האט געהערט, זאגט זי מיר, זי געדענקט נישט פונקטליך אבער עפעס וועגן מח...

האב איך איר פרובירט צו ערקלערן אז זי זאל פארשטיין, וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט, אז א פראבלעם איז נישט קיין עכטע זאך, נאר אלעס איז אין מח, אז א מענטש לעבט מיטן אייבערשטן, ער רעדט צום אייבערשטן וכו', אפילו עפעס גייט אים נישט גוט, איז ער נישט אין א פראבלעם.

אויסער דעם איז געווען נאך גאר שיינע יסודות און חיזוק וואס דער ראש ישיבה לערנט מיט אונז.

*

נאך מלוה מלכה איז געווען זייער שיינע שמועסן, דער ראש ישיבה האט געפרעגט אז עס איז דא א מחלוקה אין די גמרא (מגילה יא) אויב הודו און כוש איז געווען איינס נעבן די אנדערע אדער איינס אין עק וועלט און די אנדערע - די אנדערע עק וועלט, האט דער ראש ישיבה געפרעגט, אז לויטביידע איז סיי הודו און סיי כוש איינס נעבן די אנדערע, אויב אזוי ווי כאפט די נפקא מינה צווישן די צוויי שיטות...? האט דער ראש ישיבה געזאגט א מורא'דיגע יסוד, אז עס קען געמאלט זיין צוויי זאכן וואס עס זעט אויס איינס נעבן די אנדערע אבער באמת איז עס גאר די אנדערע זייט וועלט...

דער ראש ישיבה האט אנגעכאפט לדוגמא, א פארפאלק וואס גייען שפאצירן, עס זעט אויס ווי זיי זענען איינע נעבן די אנדערע, אבער זיי זענען נעבעך אזוי ווייט איינער פונעם צווייטן...

אזוי אויך מיט'ן אייבערשטן, א מענטש קען אויסזען ווי ער איז אזוי נאנט צום אייבערשטן, אבער באמת איז ער אזוי ווייט... ווידעראום איז דא פארקערט, א מענטש קען אויסזען אזוי ווייט פונעם אייבערשטן אבער ער איז אזוי נאנט...

און אזוי אויך מיט'ן צדיק, א מענטש קען זיין זייער נאנט צום צדיק, אבער באמת איז ער אזוי ווייט, און ער קען נאך אוועקשלעפן אנדערע פון צדיק, ווידער איז דא א מענטש וואס זעט אויס אזוי ווייט פון צדיק, אבער ער איז גאר נאנט.

אזוי שמועסנדיג האט זיך דער ראש ישיבה אויסגעדריידט צו מיר, אזוי ווי אז איך זאל עפעס זאגן, און איך רוף זיך אן, אז פונקט היינט צופרי האב איך געהאט שיחות חברים מיט א חבר איבער דעם ענין, אז דער ראש ישיבה האט אמאל געזאגט, אז מ'קען אים נישט פאפן, ער קען פונקטליך שפירן צי איינער איז טאקע נאנט אדער ער האלט זיך בלויז נאנט אבער באמת איז ער זייער ווייט, האט דער ראש ישיבה געזאגט יא יא... און איבערגעזאגט הנ"ל.

דערנאך האט דער ראש ישיבה נאכאמאל גערעדט פונעם ענין וואס ער האט גערעדט ביי מלוה מלכה, אז מענטשן מיינען דער ראש ישיבה רעדט סתם, און נאכדעם טרעפט מען זיך אן איינעם וואס מאכט ליצנות וכו', און מען קומט זאגן פארן ראש ישיבה אז מ'האט עכט בייגעוואוינט א שיעור פונעם ראש ישיבה... דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר איינער פון די אנוועזנדע זאל דערציילן זיין מעשה וואס ער האט לעצטנס געהאט. דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט אז מ'זאל קיינמאל נישט מיינען אז דער ראש ישיבה רעדט סתם, נאר מ'דארף גוט אריינגעמען אין קאפ יעדע שיעור וכו', ווייל איין טאג וועט מען עס דארפן נוצן.

כעת וועל איך זיך דא אפשטעלן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן קענען אריינגעמען אין זיך אלע שיעורים, שיחות, שמועסן און בריוון פונעם ראש ישיבה, און די חשוב'ע מערכת פונעם בלעטל זאל קענען ווייטער אנגיין מחיל אל חיל אריינצוברענגען דעם הייליגן רבינ'ס ליכטיגקייט אין די גאנצע וועלט.

יואל שניצלער, קרית ברסלב



# געב מיר א צובראכענע באנגעלוי

משה ארי' שניטצלער

זומער תשס"ט איז געווען די ערשטע מאל אין די היסטאריע וואס ס'איז געווען א "ברסלב'ע קאנטרי".

וואס די באדייט פון א ברסלב'ע קאנטרי איז, קען מען שרייבן גאנצע ביכער.

א ברסלב'ע קאנטרי מיינט א קאנטרי וואס די כח וואס קלעבט צוזאם די קראוד איז "אייבערשטער", אמונה, תמימות, לעבן מיט א צדיק, לעבן מיט די רבי'ס עצות.

דאס מיינט אזוי, א קאנטרי וואס באשטייט פון פערציג, פופציג, זעכציג באנגעלוי'ס ווערט בדרך כלל צוזאמגעשטעלט פון צוויי, דריי גרופעס און ס'קען צוקומען יחידים דא און דארט.

וואס שטעלט צוזאם די גרופעס? זייער אסאך מאל איז עס אדער די מאן'ס פרענד'ס און זיי שלעפן זייערע פרויען, אדער די פרוי'ס פרענדס, און זיי שלעפן די מענער.

יעצט, וואס איז די מאן'ס פרענדס? אדער די פרוי'ס פרענדס? אדער חברים פון בית המדרש, פון כולל, פון ביזנעס. אדער די פרוי'ס פרענדס פון סקול, פון קעמפ, וכדומה.

אבער דא אין ברסלב'ע קאנטרי איז געווען איין שייכות וואס ברענגט דעם עולם, מענטשן וואס ווילן די ברסלב'ע תמימות'דיגע אמונה'דיגע לעבן.

דער ראש ישיבה האט געעפנט די ישיבה אנהייב תשס"ט. די ערשטע האלב יאר איז מען געווען לעבן וואלטן סטריט, ביי העריסאן עוועניו. די צווייטע האלבע יאר איז מען געווען אין בארא פארק לעבן אכט און פופציגסטע סטריט.

פאר מיר איז די ישיבה געווען כמוצא שלל רב, אז נאכדעם וואס איך לערן שוין די זיסע דרך הלימוד פאר פופצן יאר, און איך פיל די געשמאקקייט וואס ליגט אין דעם, ווער איך האבן פאר מיינע קינדער א ישיבה וואס גייט אויף די שיינע לעכטיגע וועג, וואס יעדער וואס פארזוכט דאס קען עס נישט אפלאזן, פון גרויס זיסקייט. פארוואס זאלן מיינע קינדער דארפן זוכן און זוכן און טרעפן די ברסלב'ע דרך הלימוד ביי די צוויי און צוואנציג, אזוי ווי איך? פארוואס זאל ער עס נישט באקומען פון די דרייצן? פארוואס נישט אויף א גאלדענעם טאץ? פארוואס נישט די גאנצע משפחה, טאטע מאמע און קינדער אויף איין פעידזש?

אזוי האב איך געקוקט אויף די ברסלב'ע קאנטרי, איך האב געוואוסט אז איך מוז זיין דערינען.

גראדע האב איך אנגערופן א חבר מיינער און אים געפרעגט מכח די געלט וואס דאס קאסט, היות איך בין געווען אביסל געדרוקט, אפשר זאל איך בכלל נישט גיין אין קאנטרי, נאר בלייבן אינדערהיים, צו שפארן געלט.

מיין חבר האט מיר געזאגט אפאר ווערטער וואס איך וועל דאס געדענקען א גאנצן לעבן, איך געדענק אפילו וואו איך בין געשטאנען בשעת דעם וויכטיגן פאון קאלל, ס'איז געווען ביי ספענסער און מורטל, מיין חבר זאגט מיר אויב דו קענסט זיך דערזען יא צו גיין אין קאנטרי, קען עס דיר העלפן אויפן גאנצן לעבן! צו דיר צאם דיינע געלטער און פרוביר עס דורכצושטופן!

אוי בין איך אים דאנקבאר!

וואס זאל איך אייך זאגן? וואו זאל איך אנהייבן?



אבער קודם לאמיר גיין שטייטעלעך, קודם לאמיר זען די נסיעה, און וויאזוי איז געווארן איינגעטיילט וועלכע באנגעלוי פאר וועם? נאכדעם לאמיר זען וואס טוט מען אז ס'פעלט א באלב, אדער אז ס'פעלט א סקרין אויפ'ן פענסטער, און נאכדעם וועל מיר גיין ווייטער.

איין וואך פאר'ן ארויספארן זעמיר געווען זען די פלאץ, איך געדענק אז ס'איז געווען איך, מיט אונז איז געווען אונזער טייערע חבר יוסל, ער האט געהאלפן פארשאפן די פלאץ, נאך איינער איז געווען וואס האט געהאלפן אסאך, וואס ער האט למעשה געהאט די באנגעלוי גאנץ לינקס, איין זאך געדענק איך אז ביי אים אין שטוב האט מען יעדן צווייטן טאג געבאקן היימישע פרישע געשמאקע קאקאש קעיק און געטיילט פאר'ן עולם (עולם מיינט אז די "גאאאאנצע קאנטרי" איז געווען פערצן באנגעלוי'ס, פון דעם איז געגאנגען צוויי פאר די בחורים און פאר יאנקי פיש'ס קאנטין) ס'איז מיר געווען א חידוש דעמאלטס, ווייל רוב מענטשן מאכן זיך אזא סדר אז זומער זוכט מען וועיניגער צו קאכן און באקן, אבער יענע קאקאש קעיק איז געווען איינס אין דער וועלט. אויך איז אים געווען אינטערעסאנט ביז גאר אז איינער גייט מיט א פלעסטיק אויפ'ן היט ווען ס'רעגנט. יא ס'האט פיין גערעגנט יענע טאג.

שוין, אפגעקוקט, אפגע'מבינ'ט. ס'קומט שוין דאנערשטאג, מ'דארף ארויס זען דאס געזונדעלע פון די ברוקלינער זון צו די סוואן-לעיק'ער פרישע לופט, די שאלה איז נאר וויאזוי?

איך האב נישט קיין אאאאאנונג.....

בקיצור ס'הייבט זיך אן א געדופעכץ אויפ'ן טעלעפאון, ווער? וואו? וואס? יא א טראק? נישט א טראק? ווער ווייסט יא? ווער ווייסט נישט? איך קאלל דעם, יענעם, און איך ווער נישט קלוגער, איך קאלל מיין ידיד ר' אהרן, וואס איז שפעטער געווארן מיין מחותן, און איך ווייס נאך אלץ נישט גארנישט, פלוצלונג, די עלעוועיטער עפנט זיך ביי מיין טיר, אויפ'ן דריטן שטאק, דער ראש ישיבה טאנצט און זינגט און מאכט פריילך!!! וואאאאאס? דער ראש ישיבה איז דא! רבונו של עולם!! דער ראש ישיבה הערט נישט אויף צו טאנצן, דער ראש ישיבה זאגט פאר יוסי און הערשי הייבטס אן אראפ צו טראגן, שנעלער, דער ראש ישיבה איז לעבעדיג און פריילך ביז גאר, איך האב נישט געוואוסט וואס צו טון מיט זיך..... דער ראש ישיבה איז דא! איך זע נאך יעצט ווי די ראש ישיבה שטייט ביים עלעוועיטער און מאכט פריילך, איינער האט זיך אנגערופן אז מ'קען נאכנישט אראפטראגן די פעקלעך ווייל מ'האט נישט געשריבן אונזער נאמען אויף יעדע באקס, האט דערי ראש ישיבה געזאגט מ'דארף נישט די נאמען, שרייב נאר א "סמיילי", אוי האט די ראש ישיבה געמאכט פריילך דארט..... כ'האב אביסל אנגעהויבן צו פארגעסן אז ווען מ'פארט אין קאנטרי דארף מען זיין אנגעצויגן ווי א נערוועיזערמייסטער.

ברוך השם מ'זעט זיך אריין אין א גרויסע פיפטין פעסענדזשער וועו, דער דרייווער איז געווען פון די שבט וואס מארטין לוטער קינג פלעגט פרעדיגן אז זיי זאלן קענען וואוטען און באקומען גלייכבארעכטיגונג צווישן די אמעריקאנער באפעלקערונג, די ראש ישיבה האט מיך געמאכט זיצן אין פראנט. איך געדענק ביז יעצט די שוידערליכע טרעפיק ביים האלאנד טאנעל. אין דעם וועו זענען געווען משפחת שניטצלער, מיט די ראש ישיבה'ס משפחה, מיט משפחת אינדיג, (אזוי געדענק איך....) איך געדענק נישט אויב ס'איז געווען נאך משפחות אין די וועו, מ'פארט און מ'פארט, ס'איז שוין טיף אין די נאכט אריין, ביז מ'איז ענדליך אנגעקומען, איך קען דאס נישט פארגעסן! א ברסלב'ע קאנטרי!

יעצט איז אזוי, נארמאל נעמט דאך יעדער א באנגעלוי ווען ער מאכט אפ אז ער גייט אין די און די קאנטרי, און ער געט א דעפאזיט ערגעץ חנוכה צייט, ווייסט ער שוין ביי די ערשטע חנוכה לאטקע וועלכע באנגעלוי איז זיינס, אבער דא, קומט מען דאך נאר צום רבי'ן, נו, וואס האט דאס צו טון מיט וועלכע באנגאלאו דו האסט...... וכך הוה...... מ'האט זיך גענומען יעדערער א כאטקעלע, אזוי ווי קינדער נעמען א מארשמאלוי, מ'קוקט נישט וועלכע, אבי איך האב א מארשמעלוי, אבי א באנגעלוי, למעשה נאכדעם וואס יענע און יענע באנגעלוי איז געווארן מיינס האב איך עס זייער זייער ליב געהאט, ס'איז געווען א גרויסע בעדרום וואס האט געקענט זיין צוטיילט אין צוויי בעדרומס, זייער לופטיג, די ביימער האבן זייער געדעכט באדעקט די גאנצע באנגעלוי, מיט נאך א בעדרום, א קליינע בא'טעמ'טע קאך מיט א קליינע פארטש'עלע.

ס'איז געווען שפעט ביינאכט ווען מ'איז אנגעקומען מיט די וועו, יעצט ווארט מען אויף די פעקלעך, מיינע פיצלעך קינדער ליגן אויף די אנטבלויזטע מאטראצן, יאסעלע און הערשעלע רייסן ארום פון איין עק קאנטרי צו די צווייטע, אזוי ווי זיי זענען די הויפט מענעדזשערס און זיי געבן



שטרענגע באפעלן פאר די קלענערע קינדער אז דא טאר מען נישט אריינגיין בשום אין פנים ואופן!

ברוך השם די פעקלעך זענען שוין דא, ויהי ממחרת, די ערשטע נאכט "אין ברסלב'ע קאנטרי" איז שוין א פאקט.

יעצט דארף איך זען וואס מ'טוט דא, ס'פעלט א באלב, ס'פעלט א סקרין, ווילאנג איך טראכט צו וועם קאמפלעינט מען דא? ווער נעמט קער? פלוצלונג, טטטררררראך!!! מיין סטעפס איז צובראכן, ס'איז נישט קיין דזשאוק, וואס טו איך אויב א קליין קינד פאלט דא אריין חס ושלום, גראדע די סטעפס איז געקומען איינער פון די חברים פאררעכטן, א גרויסער תלמיד חכם, היינט איז ער א דיין ער פסקנ'ט שאלות, דעמאלטס האט ער פרובירט העלפן די קאנטרי זיך מסדר זיין.

אקעי, די סטעפס איז געפיקסט, אבער וואס איז מיט א באלב און א סקרין?!!!! איך געדענק נישט פונקטליך יעדע קליינע פרט פון די חלק פון די באלב און די סקרין אבער דאס געדענק איך קלאר! זייער קלאר! אז נאך צוויי וואכן האב איך אפגעמאכט א קלארע דעסיזשן: איך דארף דא גארנישט! געב מיר גארנישט! עס קומט מיר גארנישט! געב מיר די שוואכסטע באנגעלוי! איך וויל נאר דא זיין, ווייל איך וויל הערן יעדן טאג "דער אייבערשטער איז דא" "ביים אייבערשטן ביסטו די וויכטיגסטע זאך אין די וועלט"

נישט נאר ביי די קאנטרי' האב איך עס געזען אזוי, נאר בכלל, יעדע זאך אין די קהילה וואס איינער פרעגט מיך, פארוואס טוט מען ביי ענק אזוי? פארוואס אזוי? פארוואס אהער? פארוואס אהין? פארוואס האט דער ראש ישיבה געטון אזוי? געזאגט אזוי? געמאכט אזוי? איך טראכט שנעל צו מיר, אזא פלאץ וואס רעדט פון דעם אייבערשטן אזוי אפן, אזא פלאץ וואס מאכט מיך זאגן אזוי סאך משניות, אזא פלאץ וואס לערנט מיך אויס אז קיינער קומט מיר גארנישט, אזא פלאץ וואס לערנט מיך אויס צו רעדן צו מיינע קינדער אזוי ווי צו בני מלכים, אידישע נשמות וואס האבן אין זיך א שטיק אייבערשטער, וואס האבן אין זיך א אידישע פייערדיגע הארץ וואס וויל ברענען פאר'ן אייבערשטן, פריי איך מיך אז איך האב באקומען די לעצטע בענקל אוועילעבל, איך דארף דא גארנישט, נאר די זיסע עצות פון רבי'ן, איך מוז גארנישט פארשטיין פארוואס מוהרא"ש אהער און פארוואס מוהרא"ש אהין. עס האט פשוט גארנישט מיט מיר. איך נעם ארויס מיין פראפיט און איך גיי מיר ווייטער, איך נעם ארויס מיין מיליאן דאלער פון די ע'. טי. עם. און איך שאר זיך אוועק פון דארט אן צו קוקן ווער קומט צו די ע'. טי. עם. נאך מיר, און ווער איז געווען פאר מיר, למאי נפקא מינה?

ווען איינער פירט א גרויסע ביזנעס און ער האט א סעילסמאן, משה, וואס ברענגט אים פראפיט צען מיליאן דאלער א יאר, וועט אים עפעס אנגיין וואס משה טוט אין זיין פריוואטע לעבן? צו איז אמת אז ער איז מיאוס צו'הרג'עט מיט זיין שוואגער? מיט זיין ברודער? מיט זיין מקוה איד? מיט זיין גראסערי מאן? צו איז אמת אז זיין זון איז א שטריק און לערנט נישט קיין ווארט?

וואס האט דאס מיט מיר? ווילאנג משה ברענגט מיר פראפיט קען ער זיך קריגן מיט אלע זיינע שוואגערס און ברודערס און מקוה אידן און מקוה גוים, איך קוק אויף מיין סך הכל. ער ברענגט מיר פראפיט צען מיליאן דאלער א יאר און זיי מיר געזונט און פריש.

אזוי טוען מענטשן אין ביזנעס. און מיין ביזנעס איז איינצופאקן סחורה אויף א לאנגע וועג. ווי לאנג איך פאק אריין אין מיין סעיווינגס אקאונט יעדן טאג, משניות, גמרא, שולחן ערוך, רעדן שיין אין שטוב, נישט זיך בייזערן (אפילו ווען מ'איז גערעכט, שטייצער) קוק איך נישט וואס מענטשן האבן קריטיק אויף מוהרא"ש און אויף היכל הקודש און אויף די ראש ישיבה.

אט דער געדאנק האט מיר אריינגעשפאלטן אין קאפ אריין דעמאלטס נאך צוויי וואכן אין ברסלב'ע קאנטרי, געב מיר נישט קיין באלב, געב מיר נישט קיין סקרין, געב מיר גארנישט! געב מיר לעבן, העלף מיר איך זאל וויסן אז יעדע זאך אין לעבן קען מען שנעל קער נעמען אז מ'רעדט צום אייבערשטן, דאס איז ביי מיר סאך מער ווי א באלב און א סקרין! געב מיר א צובראכענע באנגעלוי צו קענען הערן דעם רבינ'ס זיסע לעכטיגע צוקער'דיגע האניג'דיגע עצות.

שכח אייבערשטער אז פון דעמאלטס ביז יעצט האב איך נישט אפגעלאזט די הערליכע גן עדן פון זאגן משניות און רעדן צום אייבערשטן און אינוועסטירן אין די אייגענע ווייב און קינדער.

א יעדע זאך אין די וועלט וואס האט נישט צו טון דירעקט מיט מיר און מיין ווייב און קינדער, אויף יעצט און אויף דא, האב איך געשטעלט מענטשן וואס זאלן זיך ספראווען דערמיט אנשטאט מיר, דאס איז די זעלבע מענטשן וואס זארגן פאר גלאבל ווארמינג. זיי מאכן א גוטן דזשאב מיט זיך זארגן פאר זאכן וואס האט נישט מיט זיי און האט נישט מיט היינט.

# היכל הקודש
# נייעס

קרית ברסלב

## דעליווערי ווען ווערט געקויפט פאר'ן קרן הדפסה




ווער עס קומט אריין און האלט מיט די אפעראציעס אינעם קרן הדפסה, זעט ווי עס טוט זיך דארט כסדר מיט דעליווערים; אלע דעליווערי פירמעס, סיי די גרויסע נאציאנאלע, און סיי די היימישע פירמעס וואס שיקן לאקאל, טוען אפשטאטן דארט טאג טעגליך א סטאפ, אמאל צו ברענגען פרישע פעלעטס ספרים, פאפיר, אדער נייע מאשינען און אזוי ווייטער, און בעיקר קומען זיי פשוט אפצונעמען באקסעס באשטעלונגען פון ספרים און קונטסים בפרט פון די מפיצים.

דאס איז צוליב דעם וואס די מפיצים פון איבער די גאנצע טריי סטעיט געגענט באלאגערן טאג טעגליך דעם קרן הדפסה מיט גרויסע ארדערס פון ספרים און קונטרסים, נאכדעם וואס דער פריערדיגע ארדער איז שוין אויסגעגאנגען, און עס איז צוכאפט געווארן דורך די ערליכע אידן צו וועם זיי גייען ארום דאס פארשפרייטן. ביז יעצט באנוצט זיך די הדפסה מיט קאמערציאלע דעליווערי סערוויסעס, וואס סיי עס קאסט אסאך געלט, און סיי עס איז גורם אז די מפיצים זאלן נישט אלס באקומען די ספרים און קונטריסים אין צייט.

ביז ווילאנג די הדפסה איז נאך נישט געווען אויף אזא גרויסן פארנעם, האט עס נאך ווי נישט ווי געקענט אנגיין אזוי, אבער מיט די צייט האט זיך די הדפסה שוין אזוי פארגרעסערט און פארמערט ברוך השם, אז מען קען נישט ממשיך זיין אזוי, מען האט איינגעזען אז אויב מען האנדלעט זיך איין אַן אייגענע דעליווערי ווען וועט מען קענען טון די דעליווערים אסאך שנעלער, בעסער און ביליגער.

דערפאר האט מען באשלאסן אז מען וועט אריינשפרינגען אינעם קאסטבארן געשעפט פון קויפן אן אייגענעם ווען, וואס לויפט היינט אין די געגענט פון פופציג טויזענט דאלער, וואס דאס וועט בסייעתא דשמיא העלפן די מפיצים בכלליות באקומען זייערע ספרים און בפרט איז עס נויטיג צו קענען אפשיקן די וועכענטליכע גליונות אריין אין שטאט גענוג שנעל, ווייל פון ווען די גליונות גייען צום דרוק ביז שבת קודש איז דא זייער א קורצע צייט, און דאס דארף נאך אנקומען צו אלע היימישע שטעט אין די ניו יארקער אומגעגענט.

יעצט האט מען די איינמאליגע געלעגנהייט אפצוקויפן דעם זכות פונעם ווען, ווער עס וויל האבן די זכיה קען זיך ווענדן צו מו"ה לייבי ראטה הי"ו אויף 718-387-2691 עקסט. 103

וויליאמסבורג

## מסיבת הכרת הטוב דורך די רענט קאמפיין

מוסדות
היכל הקודש
ברסלב בארה"ב
רענט
קאמפיין

דעם מוצאי שבת פרשת תרומה גייט פארקומען די יערליכע מלוה מלכה דורכ'ן רענט קאמפיין "מסיבת הכרת הטוב" וואס איז געווידמעט צו באדאנקן אלע וואס גיבן א גאנץ יאר געלט צו אויסהאלטן דעם הייליגן ווינקל אין שטאט אויף 27 סקילמאן, וואס פון דארט קומט ארויס גאר אסאך הייליגע אקוויטעטן וואס איז מחי' די גאנצע וועלט, די פלאץ איז די ישיבה, די חדר, די סקול, די חתונה זאל, און נאך און נאך. אויך טוט די רענט קאמפיין צאלן פאר נאך בתי מדרשים היכל הקודש פון אנדערע שטעט.

די מלוה מלכה איז נאר פאר מענער, ביטע נישט מיטברענגען די קינדער.

# שטעטל נייעס

## שבת שקלים מיטן ראש ישיבה שליט"א



א הערליכע שבת איז פאריבער אין שטעטל שבת משפטים - שקלים צוזאמען מיטן ראש ישיבה שליט"א און אלע געסט וואס זענען געקומען מיטהאלטן דעם דערהויבענעם שבת.

פון דאנערשטאג נאכט האט זיך שוין אנגעזען די פילע געסט וואס זענען געקומען צו פארן אויף שבת, די חשובע משפחות אין שטעטל האבן זייער שיין אויפגענומען די חשובע געסט און זיי אריינגענומען אין שטוב, אזוי אויך האבן פילע משפחות גענומען בחורים צו עסן די סעודות שבת.

פרייטאג צונאכטס האט מען געהאט די זכי' אז דער ראש ישיבה האט געדאווענט קבלת שבת, וואס דאס האט אריינגעברענגט די געשמאק אינעם שבת, נאכן דאווענען איז דער עולם אדורך דעם ראש ישיבה זאגן גוט שבת, אזוי ביים גוט שבת זאגן איז געווארן א שטיקל שמועס, דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: ווען איך האב א איבעריגע מינוט בין איך עוסק אין שידוכים, קוק אן אזא חתן ווי בנימין ווײלדי נרו יאיר, ער קומט פון איין סטעיט אין אמעריקא און די כלה פון א אנדערע סטעיט, און אז א שידוך דארף פאסירן מאכט דער אייבערשטער אז ביידע זאלן דא אנקומען צו הערן חיזוק און אזוי איז געווארן די שידוך, דער ראש ישיבה האט געזאגט: מוהרא"ש האט געהאלטן אז יעדע בחור קען ארבעטן מיט יעדע מיידל, פארשטייט זיך אז מען איז זוכה און מען טרעפט אזאך וואס איז צום הארצן און עס האט חן איז זייער גוט, אבער אויב האט עס נישט קיין חן שפארט מען נישט איין די קינדער אינדערהיים ווילאנג מען טרעפט אזאך וואס האט חן אין מיינע אויגן, נאר מען מאכט זיי חתונה ווי שנעלער.

שפעטער האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די בחורים וואס העלפן אין שטעטל מיטן דרייוועז די שאטל אז דאס איז גאר א חשובע זאך, דער רבי' האט זיך אויסגעדריקט גאר שטארקע ווערטער אויף די וואס העלפן אים אויף דער וועלט, ובפרט אז דו העלפסט מיר מיטן שאטל וואס דאס איז מיין פריוואטע זאך וואס איך וויל גאר שטארק עס זאל האבן הצלחה, איך וויל עס זאל זיין מער ווי צוויי שאטל באסעס, אזוי אז ווען א פרוי דארף א וועג ארויסצוגיין זאל זי גלייך האבן א וועג.

נאכן סעודה איז מען זיך צאמגעקומען אין בית המדרש זינגען זמירות שבת, אויך איז געווען די שלום זכור ביי האברך מו"ה שלום יוסף יאקאבאוויטש הי"ו זון פון המפיץ הגדול מו"ה נתן יאקאבאוויטש שליט"א, און האברך מו"ה יחזקאל שארף הי"ו בן מו"ה אלימלך שארף שליט"א. דער ראש ישיבה האט פארציילט ביים באטע די מעשה אז דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געהייסן זיין תלמוד דער הייליגער מגיד פון מעזריטש זכות יגן עלינו ארויפגיין אויפן בוים און זיך צוקיקן וואס דא גייט פאסירן, ער איז אהיימגעקומען פיל מיט קשיות, האט אים דער בעל שם טוב געזאגט אז דאס איז א המשך פונעם פריערדיגן גלגול. האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט אז דאס פלעגט מוהרא"ש פארציילן יעדעס יאר ביי די פרשה, כדי אונז צו לערנען אז מיר זאלן נישט האבן קיין קשיות אויפן אייבערשטן ווען זאכן גייען נישט אזוי ווי מען וויל.

אויך האט מען געהאט די זכי' צו הערן אפאר דיבורים פון הרב רבי' דניאל בוים שליט"א וואס האט ארויסגעברענגט די חשיבות פון א איד וואס וויל זיין גוט, ער גיבט נישט אויף די רצון, וואס דאס איז זייער חשוב ביים אייבערשטן, אויך האט ער זיך באדאנקט פון טיפן הארצן פארן ראש ישיבה שליט"א פארן פירן זיינע קינדער און אייניקלעך אויפן ערליכן וועג אזוי ווי דער הייליגער רבי' לערנט אונז. אויך האט ער ארויסברענגט דאס וואס מען זעט אין ארץ ישראל אז גאר אסאך אידן ווערן ערליך פון די דרשות פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס איז היינט גאר שטארק צושפרייט און עס קומט אן גאר ווייט.

נאכן באטע האט רבי' דניאל געזאגט פארן ראש ישיבה אז מען האט אים געזאגט אלס בחור: "דו וועסט נישט קיין

<<<<



חתן ווערן, ווייל דו ביזט א ברסלב'ער", און ברוך השם היינט קום איך שוין צו שמחה פון א איר אייניקל. האט דער ראש ישיבה זיך אויסגעדרייט צו די בחורים און געזאגט: הערסט וואס ער פארציילט? אים האט מען אויך געזאגט אז ער וועט נישט קיין חתן ווערן, און קוק וואס עס האט זיך למעשה אויסגעשטעלט, אז ער האט חתונה געהאט און ער זעט נחת ביי קינדער און אייניקלעך.

אינדערפרי האט מען געהאט די זכי' צו הערן דאוונען שחרית פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט אזוי ווארעם געדאווענט און געעפענט די הארץ צום אייבערשטן.

נאכן דאווענען איז געווען די ברית פון בן מו"ה שלום יוסף יאקאבאוויטש שליט"א, דערנאך איז געווען א קידוש פאר החתן תלמיד הישיבה בנימין ווילדי נרו יאיר, דער ראש ישיבה האט ארום גערעדט פון שלום בית וואס דאס איז געווען ביים רבי'ן א יסוד היסודות, און ווער עס רעדט צו אינגעלייט אז מען דארף זיין אפגעשיידט פון די ווייב איז דאס אבי אבות הטומאה און מען דארף פון דעם אנטלויפן, מען קען נאר זיין הייליג אויב מען האט שלום אין שטוב, און דאס איז די יסודות אויף וואס די שטעטל שטייט, מען קען נישט וואוינען אין שטעטל אויב מען האט נישט קיין שלום בית.

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה געזאגט אז מען גייט שוין יעצט אריין אין חודש אדר, דארף מען זען צו ארבעטן גאר שטארק אויף שמחה, און שטיין ווייט פון עצבות ומרה שחורה.

מוצאי שבת איז מען זאך צאמגעקומען צו מלוה מלכה אנשים נשים וטף, מען האט זיך געוואשן און געזינגען זמירות, דערנאך האט דער ראש ישיבה געגעבן א לענגערע שיינע שמועס פון אסאך הערליכע נושאים, ובפרט פון דעם אז מען דארף זען יעדן טאג רעדן צום אייבערשטן אפאר מינוט, א ברסלב'ע חסיד בעט דעם אייבערשטן א גאנצן טאג וואס ער דארף, וואס דאס איז זייער גוט, אבער חוץ פון דעם דארף מען זיך אויסשמועסן מיטן אייבערשטן אלעס וואס מען האט אויפן הארצן, וואס דאס איז זייער א וויכטיגע זאך פאר א מענטש. מען קען הערן דעם גאנצן שיעור אויף קול ברסלב ביי די וועכנטליכע שיעורים.

די שבת האט איבערגעלאזט א געוואלדיגע רושם אויף אלע איינוואוינער און געסט וואס האבן מיטגעהאלטן, און עס האט געגעבן א פרישע וועק אויף צו פאלגן די אלע עצות וואס דער ראש ישיבה לערנט מיט אונז שטענדיג.

## מצה בעקעריי אין שטעטל אין פולן שוואונג



די ברסלב'ע מצה בעקעריי שטייט אונטער די שטרענגע השגחה פונעם דיין שליט"א וואס האלט אן עינא פקיחא אויף די ארבעט, און אלעס ווערט געטון לויט די הוראות פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס מאכט זיכער אז אלעס ווערט געטון ווי די מסורה פון די פריערדיגע צדיקים, וואס האבן איינגעפירט וויאזוי א מצה בעקעריי דארף זיך פירן מיט אלע חומרות און הידורים.

די הנהלה לאזט זיך קאסט גרויסע געלטער זיכער צו מאכן אז אלעס ווערט געטון בהידור רב ווי עס פעלט אויס, פאר די הייליגע מצוה פון אכילת מצה. אויך פון די אנדערע זייט האט מען סייעתא דשמיא, אז אלע וואס קאסטן די מצות זאגן אז די מצות האבן אן אויסטערליש גוטן טעם, און איז פריש און קריספי און גוט פאר די מאגן.

אנשי שלומינו זוכן דוקא די ברסלב מצות וויסענדיג אז דאס ווערט געמאכט דורך ערליכע אינגעלייט מאנשי שלומינו וואס צייכענען זיך אויס מיט יראת שמים, אפגעהיטענע אינגעלייט וואס זייער מויל איז הייליג, זיי ווייסן די גרויסע אחריות פון באקן מצות מצוה און זיי בעטן בשעת מען וועלגערט, מען רעדלט און מען שיבט אז די מצות זאלן אויסקומען בתכלית הכשרות, זיי בעטן אז די מצות זאלן משפיע זיין אמונה פאר אלע וואס עסן דאס.

די מצה בעקעריי איז אפן פון מאנטאג ביז דאנערשטאג פון 10:00 אינדערפרי ביז 3:00 נאכמטאג, און ווער עס וויל קויפן פון די מצות זאל וואס שנעלער זיך פארבינדן מיט די פארוואלטונג פון די בעקעריי און רופן מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו אויף 347-466-2410.

עס איז וויכטיג צו באטאנען אז צוליב דעם שטארקן פארלאנג וועט מען נישט קענען באשטעלן פאראויס, און מ'וועט נישט קענען אוועקלייגן פאר קיינעם, מען וועט נאר קענען קויפן ווילאנג עס איז דא, וכל הקודם זכה.

אין העולם מתקיים אלא בשביל הבל תינוקות של בית רבן

# שותפים

שותפים פראיעקט - החזקת מוסדות היכל הקודש אין ארץ ישראל
על טהרת הקודש
בנשיאות מורינו הראש ישיבה שליט״א

# ואלה יעמדו על הברכה

די וואס האבן גענומען א טייל אין די **שותפים** קאמפיין

## פרשת תרומה













## ישיבה קטנה ירושלים

**שותף השבוע**
מוה״ר **משולם**
**ותמר פינטער הי״ו**

**שותף היום**
מוה״ר **יצחק אייזיק**
**וחי׳ פיגא יוטא רוטה הי״ו**

**שותף היום**
מוה״ר **יואליש**
**ומרים קרויס הי״ו**

**שותף היום**
מוה״ר **יחזקאל**
**והענדיל סאמעט הי״ו**

## בית פיגא ירושלים

**שותף היום**
מוה״ר **אברהם**
**ושרה ריזל טעקאלסקי הי״ו**

## תלמוד תורה טבריה

**שותף היום**
מוה״ר **יעקב שלום**
**ורחל ראטענבערג הי״ו**

**שותף היום**
מוה״ר **יהודה**
**ואסתר רחל פאלקאוויטש הי״ו**

**שותף היום**
מוה״ר **יואל**
**האוט ומשפחתו הי״ו**

**שותף היום**
מוה״ר **יחזקאל**
**והענדיל סאמעט הי״ו**

**״איך וואונטש ענק א ברכה אויף ליכטיגע דורות, בזכות וואס איר העלפט דעם רבי'ן אזוי געטריי״**
עצתו אמונה

**צו זיין א שותף אין די הייליגע מוסודות על טהרת הקודש**
**רופט ר׳ אייזיק אפפעל: 646-302-8957**

# „מעשיות פון תפילה"



### אברהם צוויבל, בערל שניטצלער, נחמן נתן קרויס, שלמה רוטה, פנחס דוד וועבערמאן - קרית ברסלב:

מיר זענען געווען אין סטודיא אריינצוזינגען פאר די קומענדיגע אלבום וואס גייט ארויסקומען בשעה טובה ומוצלחת, ווען מ'האט געוואלט אנהייבן זינגען האט מען באמערקט אז די מוזיק קומט נישט אריין אין די סיסטעם, ס'האט זיך פשוט נישט אנגעצינדן, מ'האט פרובירט אלע וועגן עס צו פארעכטן אבער מ'האט נישט געקענט טרעפן די פראבלעם, ס'האט שוין אויסגעקוקט ווי מ'וועט דארפן אהיים גיין און מ'וועט אריינזינגען אין די קומענדיגע געלעגנהייט.

למעשה האבן אונז אלע זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז די מוזיק זאל ארבעטן מ'זאל קענען ארויסגעבן די אלבום וואס וועט לעכטיג מאכן אידישע קינדער, און נאך א לאנגע צייט בעטן דעם אייבערשטן האט זיך עס געגעבן א צינד אן, און די קווייער איז ברוך השם הערליך שיין אויסגעקומען.

### נחמן נתן קרויס - קרית ברסלב:

איך האב געדארפט פארעכטן די פענסטער פון מיין קאר, כדי צו פארעכטן די פענסטער האב איך געדארפט אראפנעמען די טיר פון די קאר, איך האב עס אנגעהויבן פארעכטן, אלעס איז געגאנגען געשמירט, נאכדעם ווען די פענסטער איז שוין געווען פאראכטן האב איך געוואלט צוריק לייגן די טיר אבער די טיר האט נישט געוואלט צוריק גיין אין פלאץ, איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען פארעכטן די טיר, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז איך האב געקענט צוריק לייגן די טיר, והכל על מקומו יבא בשלום.

שכח אייבערשטער.

### אלחנן זויבערמאן - ירושלים עיר הקודש:

א) איך בין געווען אין אמעריקע צאמשטעלן געלט פאר מיין חתונה, קיין סאך געלט דארף איך נישט האבן צוליב דעם וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז אויס נישט אויסצוגעבן געלט פאר די נישטיגע פינף שעה פון די חתונה נאכט, אבער דאס ביסל געלט וואס מ'דארף יא האבן האב איך געדארפט צוזאמשטעלן. אין אנהייב איז עס געגאנגען זייער שווער, איך האב ממש נישט געמאכט קיין געלט, דעמאלטס האט דער ראש ישיבה גערעדט ביי איינע פון די שיעורים: "אויב דו גייסט נאך געלט און דו זעסט אז ס'קומט נישט אריין קיין געלט, קענסטו בעטן אויף דעם", אזוי האב איך טאקע געטון, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז נישט נאר איך האב געמאכט איבער גענוג, נאר איך האב אויך געקענט אריינברענגען א שיינע סכום פאר די ישיבה.

ב) ווען איך בין געקומען אפגעבן מיין קרעדיט קארד מאשין און ארויס נעמען די טשעק מיט מיין געלט האט עפעס פאסירט מיט די מאשין און ס'האט נישט געלאזט ארויסדרוקן דעם טשעק, איך האב זיך זייער געיאגט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען באקומען מיין געלט, אינמיטן זאגן זיי מיר אז ווייבאלד ס'ארבעט נישט קענען זיי עס שיקן צו מיין ארץ ישראל'דיגע באנק אקאונט.

ג) איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז די גאנצע וועג אהיים זאל אריבערגיין בשלום, איך זאל האבן א וועג צו און פון די עירפארט, און איך זאל נישט פארפאסן די פליגער, און דער אייבערשטער האט טאקע געהאלפן אז איך בין אנגעקומען בשלום אינדערהיים און אלעס איז אריבער על צד יותר טוב.

שכח אייבערשטער פאר אלעס וואס דו טוסט מיט מיר!

# א בריוו

פונעם ראש ישיבה שליט"א



**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן**

לִכְבוֹד דָוִד נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיר דַארְפְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וִויסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִם קֵיסָרִים וּמְלָכִים הָיוּ יוֹדְעִים אֵיךְ אֲנִי מְלַמֵּד אֶת אֲנָשַׁי דֶּרֶךְ אֶרֶץ, הָיוּ שׁוֹלְחִים אֶת בְּנֵיהֶם אֵלַי לִלְמוֹד דֶּרֶךְ אֶרֶץ", וֶוען קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואסֶערֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן אוֹיס פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ מִיר אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ; דֶער שִׂיחָה אִיז מַמָּשׁ מְקוּיָם גֶעוָוארְן בַּיי תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וָואס זֶענֶען זֵייעֶר מְכַבֵּד דִי טַאטֶע מַאמֶע.

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ רוּפְן דִי עֶלְטֶערְן יֶעדְן טָאג; אַסַאךְ מָאל קֶען אַרִיבֶּערְגֵיין אַ גַאנְצֶע וָואךְ וָואס מֶען רֶעדְט נִישְׁט מִיט דִי עֶלְטֶערְן. דָאס קוּמְט בְּלוֹיז וַוייל מֶען וֵוייסְט נִישְׁט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי מִצְוָה; מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג אָנְרוּפְן זַיין טַאטֶע גְלַייךְ נָאכְן דַאוְוענֶען, דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ.

דָאס וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ב, כד): "**עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ**", מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען זָאל זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם אָפְּלָאזְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן. נָאר דִי כַּוָונָה פוּן דֶעם אִיז צוּ זָאגְן: '**מִישׁ נִישְׁט אַרַיין דַיינֶע עֶלְטֶערְן אִין דַיין לֶעבְּן**, רֶעד זִיךְ נִישְׁט אָפּ פַאר זֵיי אוּן קְרֶעכְץ נִישְׁט פַאר זֵיי'; פַאר עֶלְטֶערְן דֶערְצֵיילְט מֶען נָאר גוּטְס אוּן מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי נָאר נַחַת.

אוֹיבּ עֶפֶּעס דְרוּקְט אוּן מֶען קוּמְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, עֶס אִיז דָא חִלוּקֵי דֵעוֹת צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, לוֹיפְט מֶען נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן, וַוייל דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן שׁוֹין גֶענוּג גֶעהַאט אִין זֵייעֶר לֶעבְּן, זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶענוּג אַרִיבֶּער, אוּן יֶעצְט אִיז זֵייעֶר צַייט צוּ שֶׁעפְּן נָאר נַחַת; נָאר מֶען גֵייט צוּ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד עֶר זָאל מְחַזֵק זַיין דָאס פָּאר-פָּאלְק אוּן זֵיי וַוייזְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען לֶעבְּן בָּזֶה הָעוֹלָם אִין גַן עֵדֶן.

אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט הַאלְט מֶען חָשׁוּב דִי וַוייבּ וְכוּ'; וַוייל שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אַוֶועק גֶעגֶעבְּן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּרֶענְגְט אַ מַאֲמָר הֶחָכָם: "מִן הַזְּהִירוּת לֹא לְהִזָּהֵר כָּל כַּךְ"; וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט דִי עֶלְטֶערְן אָדֶער מִיט דִי וַוייבּ אוּן אַ צְוֵוייטֶער רוּפְט אַרַיין, אוֹיבּ אִיז וִויכְטִיג וָואס מֶען רֶעדְט יֶעצְט רוּפְט מֶען יֶענֶעם שְׁפֶּעטֶער צוּרִיק. אוּן אַז מֶען וֵוייסְט אַז יֶענֶער הָאט עֶפֶּעס וִויכְטִיג גֵייט מֶען צוּ יֶענֶעם וְכוּ'.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה

פון דער

ראש ישיבה שליט"א



## וויאזוי צו רעדן צו קינדער

דער ראש יְשִׁיבָה זאגט: מען דארף רעדן צו קינדער זיי זאלן אכטונג געבן פון מנוולים, אבער מען דארף געדענקען דעם מאמר החכם: "מִן הַזְּהִירוּת - לֹא לְהִזָּהֵר כָּל כַּךְ", איינע פון די זאכן וואס מען דארף אכטונג געבן איז נישט צו סאך אכטונג געבן; פון איין זייט דארף מען טאקע אנזאגן די קינדער אכטונג צו געבן פון מענטשן וכו' און מען דארף זען זיי זאלן זיין באקוועם צו רעדן מיט טאטע מאמע ווען עפעס שטערט זיי.

זייער אסאך מאל קענען קינדער נישט ארויס געבן זייערע געפילן אדער דערציילן וואס שטערט זיי ווען זיי זעהן ווי מען מאכט זיי אוועק און מען הערט זיי נישט אויס, דאס איז זייער וויכטיג פאר קינדער. אבער פון די אנדערע זייט דארף מען אויך לעבן, מען קען נישט לעבן מיט פחדים א גאנצן טאג. דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט כדי מען זאל לעבן, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות כה:): "לֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", נישט מען זאל שטענדיג ארומגיין מיט פחדים.



# אַ מַעשה
## פון אַ צדיק

### דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְגִילַת אֶסְתֵּר

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס אִיז גֶעזִיצְן דִי צְוֵוייטֶע נַאכְט פֶּסַח נָאכְן סֵדֶר אוּן גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם צְוֵוייטְן סֵדֶר, דִי גַאנְצֶע הַגָּדָה אוּן אוֹיךְ שִׁיר הַשִּׁירִים, וָואס נָאךְ קֶען אִיךְ זָאגְן עֶפֶּעס לוֹיבּ אוּן דַאנְק פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן?' אִיז אִים בֵּייגֶעפַאלְן, אַז אַזוֹי וִוי דֶער נֵס פּוּרִים וֶוען מֶען הָאט אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען הָמָן הָרָשָׁע אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דֶעם צְוֵוייטְן טָאג פֶּסַח, וֶועט עֶר יֶעצְט לֵיינֶען דִי מְגִילָה לְכָבוֹד דֶעם גְרוֹיסְן נֵס.

אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעלֵיינְט דִי מְגִילָה; וֶוען דֶער אִיד הָאט גֶעעֶנְדִיגְט לֵיינֶען דִי מְגִילָה הָאט עֶר דֶערְזֶען פַאר זִיךְ שְׁטֵיין אַ נְשָׁמָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט, הָאט דֶער אִיד גֶעפְרֶעגְט דִי נְשָׁמָה: "וָואס וִוילְסְטוּ פוּן מִיר אוּן וָואסֶערֶע שַׁייְכוּת הָאסְטוּ מִיט מִיר אַז דוּ קוּמְסְט צוּ מִיר?" הָאט דִי נְשָׁמָה אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ דֶערְצֵיילְן וָואס טוּט זִיךְ אוֹיבְן אִין הִימְל. אַז עֶס זֶענֶען דָא נְשָׁמוֹת אוֹיבְן אִין הִימְל וָואס זֶענֶען שׁוֹין אַרִיבֶּער דֶעם גֵיהִנוֹם אוּן זֵיי זֶענֶען נָאךְ אַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה אַרַיין צוּ קוּמֶען אִין גַן עֵדֶן בִּיז זֵיי וֶועלְן הָאבְּן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער זְכוּת. אוּן יֶעדֶעס יָאר וֶוען מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה עֶפֶענְט מֶען אוֹיף דִי טִירְן פוּן גַן עֵדֶן, דֶעמָאלְט אִיז אַ צַייט וָואס אַלֶע נְשָׁמוֹת קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן. אַפָּאר חֲדָשִׁים פַאר פּוּרִים קוּמֶען צוּ גֵיין טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער נְשָׁמוֹת בַּיים טִיר פוּן גַן עֵדֶן וַוייל זֵיי וִוילְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן, אָבֶּער וִויבַּאלְד עֶס נֶעמְט נִישְׁט מֶער וִוי אַפָּאר שָׁעָה וִוי לַאנְג מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה, אִיז נִישְׁט דָא גֶענוּג צַייט אַז אַלֶע נְשָׁמוֹת זָאלְן קֶענֶען אָנְקוּמֶען אִין גַן עֵדֶן, דַארְפְן זֵיי וַוארְטְן אוֹיפְן קוּמֶענְדִיגֶע יָאר וֶוען מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה.

זָאגְט דִי נְשָׁמָה וַוייטֶער: "אִיךְ פְּרוּבִּיר שׁוֹין אַפָּאר יָאר זִיךְ צוּ שְׁטֶעלְן בַּיים טִיר פוּן גַן עֵדֶן כְּדֵי צוּ קֶענֶען אַרַיינְגֵיין, אָבֶּער אַלֶעמָאל פַארְמַאכְט זִיךְ דִי טִיר פּוּנְקְט פַאר אִיךְ גֵיי אַרַיין; דִי יָאר הָאבּ אִיךְ זִיךְ שׁוֹין כִּמְעַט אַרַיינְגֶעכַאפְּט, אָבֶּער מַמָּשׁ פַאר מִיר הָאט זִיךְ דִי טִיר פַארְמַאכְט! הָאבּ אִיךְ זִיךְ בַּארֶעכֶענְט אַז אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן דָא בִּיזְן קוּמֶענְדִיגְן יָאר, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין. אַזוֹי וִוי אִיךְ שְׁטֵיי דָא אוּן וַוארְט אוֹיף קוּמֶענְדִיגֶער יָאר פּוּרִים, הֶער אִיךְ פְּלוּצְלִינְג וִוי אֵיינֶער לֵיינְט דִי מְגִילָה, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ קְלַאפְּן אוֹיפְן טִיר פוּן גַן עֵדֶן אַז מֶען זָאל מִיר עֶפֶענֶען דִי טִיר, אִיז גֶעקוּמֶען דֶער מַלְאָךְ וָואס אִיז מְמוּנֶה צוּ זַיין דֶער שׁוֹמֵר הַפֶּתַח אוּן מִיךְ גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס אִיךְ קְלַאפּ, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט: 'וָואס הֵייסְט, אִיךְ הֶער וִוי מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה אוּן אִיךְ וִויל אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן', הָאט מִיר דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט: 'אֱמֶת טַאקֶע אַז אֵיינֶער לֵיינְט דִי מְגִילָה, אָבֶּער יֶעצְט אִיז פֶּסַח בַּיינַאכְט, יֶעצְט אִיז נִישְׁט דִי צַייט אַרַיין צוּ גֵיין אִין גַן עֵדֶן, דוּ דַארְפְסְט וַוארְטְן אוֹיפְן קוּמֶענְדִיגֶער יָאר פּוּרִים', אִיךְ הָאבּ מִיךְ אָבֶּער נִישְׁט גֶעלָאזְט אוּן צוּרִיק גֶע'טַעֲנָה'ט: 'וָואס אִיז אַ נַפְקָא מִינָהּ צִי עֶס אִיז פֶּסַח צוּ פּוּרִים? וִויבַּאלְד מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה דַארְף מֶען מִיר אַרַיין לָאזְן!' אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶע'טַעֲנָה'ט בִּיז מֶען אִיז גֶעקוּמֶען פוּן בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה זֶען וָואס דִי קוֹלוֹת זֶענֶען, נָאכְן אוֹיסְהֶערְן בֵּיידֶע צְדָדִים הָאט בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה גֶעזָאגְט אַזוֹי: 'יֶעצְט אִיז טַאקֶע נִישְׁט דִי צַייט וֶוען מֶען קֶען אַרַיינְלָאזְן אִין גַן עֵדֶן, אָבֶּער אוֹיבּ דוּ וֶועסְט גֵיין צוּ דֶער אִיד וָואס לֵיינְט דִי מְגִילָה אוּן עֶר וֶועט פַּסְקְ'נֶען אַז מֶען דַארְף דִיר אַרַיין לָאזְן אִין גַן עֵדֶן, וֶועט מֶען דִיר אַרַיינְלָאזְן'".

הָאט דִי נְשָׁמָה גֶעבֶּעטְן דֶעם אִיד: "אִיךְ בֶּעט אַייךְ, גֶעבְּט מִיר רְשׁוּת אַרַיין צוּ גֵיין אִין גַן עֵדֶן אִיךְ זָאל שׁוֹין מְתוּקָן וֶוערְן". הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט: "אִיךְ נֶעם אוֹיף מִיר דֶעם תַּפְקִיד דִיר צוּ מְתַקֵן זַיין אוּן גֵיי זָאג פַארְן בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה אַז מֶען זָאל דִיר אַרַיין לָאזְן אִין גַן עֵדֶן".

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל אִמְרֵי יוֹסֵף זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט דָאס דֶערְצֵיילְן יֶעדֶעס יָאר פֶּסַח; דִי וָואס הָאבְּן גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאבְּן שׁוֹין אַלֵיינְס פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט מִיט אִים אַלֵיינְס.

(עצתו אמונה תצוה תשע"ח)





# דעם הייליגן רבינ׳ס
# לעבנסגעשיכטע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

- כ״ב -

**פארזעצונג פון פריער:** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט טָאג טֶעגְלִיךְ מִיט אַ גֶעוואלְדִיגֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ, יֶעדְן טָאג פְלֶעגְט עֶר אַרַיינְגֵיין טִיף אִין וַואלְד אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן רֶעדְן אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת, אוּן צוּמָאל פַאר גַאנְצֶע טֶעג.

***

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַסַאךְ מָאל נֶעמֶען אַ פֶערְד פוּן זַיין שְׁוֶוער׳ס הוֹיז, אוּן גֶערִיטְן אוֹיפְ׳ן פֶערְד בִּיז טִיף אַרַיין אִין וַואלְד, דָארְט אִיז עֶר אַרָאפּ פוּן פֶערְד, עֶס צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ אַ בּוֹים, אוּן אִיז אַרַיין אִין וַואלְד צוּ טוּן דָאס זַיינִיגֶע, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער.

ס׳הָאט זִיךְ אַסַאךְ מָאל גֶעמַאכְט אַז דֶער פֶערְד הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּן דִי שְׁטְרִיק אוּן אִיז צוּרִיק אַהֵיימְגֶעלָאפְן, דָאס מֵיינְט צוּ זַיין שְׁוֶוער׳ס הוֹיז, אוּן וֶוען מְ׳הָאט גֶעזֶען דָארְט אַז דֶער פֶערְד אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען אַלֵיין, הָאבְּן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אֶפְשָׁר אִיז עֶר עֶרְגֶעץ אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּנֶעם פֶערְד אוֹיפְ׳ן וֶועג.

אַסַאךְ מָאל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז ס׳הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ שְׁוֶוערֶע גַאס רֶעגְן אִין וַואלְד, דָאס הָאט אָבֶער אוֹיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם רֶבִּי׳ן פוּן זַיין הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, עֶר אִיז וַוייטֶער גֶעבְּלִיבְּן אִין וַואלְד אוּן זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק גֶעקֶערְט בִּיז בַּיינַאכְט, וֶוען עֶר אַהֵיימְגֶעקוּמֶען דוּרְכְגֶעוֵוייקְט נַאס.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז נֶעבְּן דֶעם דָארְף אוֹסְיַאטִין, וואוּ עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט מִיט זַיין שְׁוֶוער, אִיז דוּרְכְגֶעלָאפְן אַ גְרוֹיסֶער טַייךְ, אוּן בַּיי דִי זַייטְן פוּנֶעם טַייךְ זֶענֶען גֶעוַואקְסְן הוֹיכֶע גְרֶאז אוּן וִויזֶע. דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט נֶעמֶען אַ קְלֵיין שִׁיפְל אוּן שְׁוִוימֶען דֶערְמִיט אַלֵיין אוֹיפְ׳ן טַייךְ, כָאטְשׁ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַזוֹי גוּט פִירְן אַזַא שִׁיפְל, עֶר פְלֶעגְט אַזוֹי שְׁוִוימֶען צוּ דִי אַנְדֶערֶע זַייט, הוּנְטֶער דִי הוֹיכֶע גְרֶאזְן, בִּיז צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען הָאט אִים מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶען, אוּן דָארְט הָאט עֶר בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט גֶעשְׁרִיגֶען אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת.

אֵיינְמָאל הָאט פַּאסִירְט אַז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁוִוימֶען מִיטְ׳ן שִׁיף וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן טַייךְ, שׁוֹין הִיבְּשׁ וַוייט פוּן דִי יַבָּשָׁה, אוּן דַאן הָאט זִיךְ דֶער שִׁיף אָנְגֶעהוֹיבְּן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, אוּן עֶר אִיז שִׁיעוּר אַיינְגֶעזִינְקֶען רַחֲמָנָא לִיצְלָן. דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן, עֶר הָאט נָאר אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים רַאטֶעוֶוען, אוּן דַאן אִיז עֶר גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן בְּדֶרֶךְ נֵס.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַסַאךְ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה, אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן וִויסְן וִוי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט אִינְמִיטְן וַואסֶער, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט אַז עֶר אִיז דָארְט, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט הֶעלְפְן, עֶס בּוּזְשֶׁעוֶועט אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט בִּיז צוּם הִימְל, אוּן ס׳אִיז בֶּאֱמֶת נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן זִיךְ אַרוֹיסְצוּרַאטֶעוֶוען, קוֹים וָואס ס׳אִיז דָא אֲפִילוּ צַייט צוּ שְׁרֵייעֶן, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן אָבֶער אִיז דֶער אֱמֶת אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין אַנְדֶערֶע עֵצָה נָאר אוֹיפְצוּהוֹיבְּן דָאס הַארְץ אוּן דִי אוֹיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן שְׁרֵייעֶן אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים.



אַזוֹי דַארְף אַ אִיד שְׁטֶענְדִיג שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים שׁוֹין הֶעלְפְן, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, יֶעדֶע מִינוּט אוּן יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִין דִי יָארְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה פְלֶעגְט עֶר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גְרוֹיס יְגִיעָה אוּן פְּלָאג. אִין דִי שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן, וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען בַּאקַאנְט מִיט אוֹיף דֶער וֶועלְט זַיין גְרוֹיסְקֵייט, אוּן עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיבֶּער זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן מַעֲלוֹת צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען, פְלֶעגְט עֶר אַלְץ צוּלֵייגְן "אָבֶער אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְּלָאגְט אוֹיף דֶעם, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעהָארֶעוֶועט, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר פִיל גֶעפַאסְט".

דִי סִיבָּה פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט אִיז גֶעוֶוען פַאר "קִנְאַת סוֹפְרִים", אַז מִיר זָאלְן אִים מְקַנֵא זַיין צוּ וָואסֶערֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען, כְּדֵי מִיר זָאלְן אִים וֶועלְן נָאכְמַאכְן, מִיר זָאלְן וֶועלְן גֵיין אִין זַיינֶע וֶועגְן, אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ הָארֶעוֶוען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אִים.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"**



# די זיידענע בעקיטשע

ישראל דוד העסקעל

**שפאצירט** אריין א אידל אין מיין אפיס איין טאג די וואך, מיין קאפ איז גוט טיף איינגעזונקען אין די ארבעט איך באמערק אים ניטאמאל ביז ער עפענט אויף זיין מויל...

הערסט?! פרעגט ער - איך האב געהערט א מורא'דיגע משל איך קען זיך נישט דערמאנען די נמשל... אבער די משל אליינס איז מעכטיג! איך מוז עס צו איינעם ארויסגעעבן...

אקעי לאמיר הערן - ער נעמט א בענקל ער מאכט זיך געהעריג באקוועם ער לייגט אראפ זיין קאווע אויפן טיש און הייבט אן מיט א ערנסטע דראמא...

חצקל, איז געווען א שיינער נגידישער אידל, ער איז געווען ברייט און הויך אזא רבישע געשטעל... ער איז געווען אן אדרעס ווען איינער האט נאר געדארפט עפעס עסן פלעגט ער שיין צושטעלן, חסד איז געווען זייער שטארק ביי אים! יעדער ארימאן האט געקענט זיין אדרעס נאך א טאג ארומגיין נאך געלט פלעגט מען קומען צו ר' חצקל אינדערהיים און ער האט צוגעשטעלט א פיינע מאלצייט!

ויהי היום - חצקל האט געהאט א טאכטער וואס איז שוין געווען בא



בימים פון שידוכים און צו מזל איז זי ב"ה א כלה געווארן מיט זייער א חשובער בחור פון דעם נעקסטן דארף ער האט צוגעזאגט א גרויסע נדן און די שידוך איז געווארן!

אז אזא נגיד מאכט א שמחה נאכדערצו די ערשטע... דארף ער זיך דאך גוט אויסשטאפירן... איין טאג איז ער אריינגעפארן אין די גרויסע שטאט ער וועגדט זיינע טריט גראד צום מארק און ער הייבט זיך אן נאכפרעגן וואו איז דא א שניידער? אבער נישט סתם נאר עפעס ספעציעל...

איינער ווייזט אים, דא קום אינדרויסן פון די מארק איז דא א קליינע שטילע געסעלע, ביים סוף גאס איז דא אזא געלע הויז דארט איז דא ממש א ספעציעלע שניידער.



חצקל פרייט זיך ער זינגט זיך אזוי אונטער דורכשפאצירנדיג די גאנצע מארק ער גייט גראד אראפ יענעם קליינעם געסעלע ער זוכט די געלע הייזקעלע ער טרעפט עס דארט ביים ווינקל טאקע אזוי ווי יענער האט געזאגט...

ער עפענט אויף דעם טיר ער קלינגט דעם גלעקל ער ווארט מיט סבלנות ביז דער שניידער שלעפט זיך ארויס פון אונטן.

שלום עליכם ר' איד מיט וואס קען מען אייך העלפן היינט?

אה שלום עליכם! אוי האב איך געהערט גוטע זאכן אויף דיר די גאס שמועסט אז דו ביזט ממש עפעס ספעציעל!

איז אזוי איך מאך באלד חתונה מיין טאכטער מיט א חשובער חתן און איך דארף אן אנצוג ווי ס'פאסט פאר חצקל דער נגיד...

איך מיינט אז איר וועט מיר קענען אויפנייען עפעס אזאנס און אזעלכעס?

יא! זיכער דאס איז דאך וואס מיר טוען, קודם קום דיר אויסוועלן א שיינע מאטריאל נאכדעם קום דא אין די זייט שטעל דיך אויף דעם בענקל וועל איך דיר גוט אנמעסטן.

ער דרייט אים אהין ער דרייט אים אהער ער צייכנט אים גוט אן פון אלע זייטן... ער מאכט די ערמל, ער האלט שוין ביי די הויזן - יעצט דריי דיך נאכאמאל ארום לאמיר זעהן - יא כ'מיין אז ס'גוט קום צוריק און צוויי חדשים וועט עס בעזהשי"ת זיין גרייט!

דער חצקל איז זייער צופרידן ער לייגט אראפ א פעטע דעפאזיט ער זינגט זיך אזוי אונטער... ער שפאצירט ארויס פון דעם געשעפט ער שפאנט איין זיין פערד און וואגן און לאזט זיך ארויס אויפן וועג צוריק אהיים צו זיין דארף.

די גאנצע צוויי חדשים דרייט ער זיך אין דארף און גרייט אן דעם עולם - חברה ס'קומט אן אנצוג! אבער נישט סתם...

נאר עפעס וואס איר האט נאך פריער נישט געזען...

אזוי לויפט דורך א חודש און נאך א חודש ער ציילט שוין די טעג און נאכדעם די שעות אינגאנצן עקסייטעד שפרינגט ער אויף אויפן פיאקער ער געבט א שמייס... היינט איז דער גרויסער טאג ווען מיין פענסי קאסטאם מעיד טרי די וכו' וכו' אנצוג ווערט גרייט!

ער קען שוין פונדערווייטנס זעהן דעם גרויסן שטאט ער שמייסט די פערד צו לויפן נאך שנעלער... ענדליך איז שוין אין די שטאט ער לויפט דורך די גאנצע מארק ער טרעפט דעם קליינעם געסל ער לויפט אראפ דעם בארג ביז סוף





גאס ער טרעפט שוין דער שניידער מיט איין שמחה קומט ער אריין און רופט אויס הויך:

"נא?!"

דער שניידער זעהט ווער ס'איז דא... ער גייט אין די בעק פון די געשעפט ער זוכט אויף דער רעבישן אנצוג ער קומט ארויס מיט א ריזיגע שמייכל - דא האט איר ר' חצקל דא אינדערזייט איז דא א קליינע צימערל איר קענט אריינגיין און זיך איבערטועז צו די נייע אנצוג.

ער לויפט אריין ער קנאקט צו דער טיר ס'גייט דורך 8 מינוט ער קומט ארויס



מיט א מין נזיפת פנים איין ערמל איז סך צו לאנג, די אנדערע איז צו קורץ... און ביי די אקסלען איז פונקט פארקערט, אויף דער זייט איז ער צו הויך און אויף די אנדערע זייט איז ער צו נידריג...

ער וויל זיך צוקנעפלען אבער דער קנעפל מיט די לאך שטימט נישט... אזוי שטייט ער דארט אין געשעפט און קוקט אן דעם שניידער מיט א בליק וואס זאגט - 'דו קענסט מיר זאגן וואס דא גייט פאר?!'

דער שניידער קוקט אים אן כאילו ער ווייסט נישט וואס ער וויל פון אים אפילו ער זאגט אים קום אהער שטעל דיך דא ביי די שפיגל...

קודם אטעם גוט אריין און האלט דיין אטעם יעצט שלעפ ארויף דעם פלייצע און די אנדערע פלייצע לייג אראפ...

יעצט די רעכטע האנט דריי אויס אויף צוריק צו וועג און דיין לינקע קני בייג איין... לאמיר זען... יעצט בייג איין דיין קאפ - זייער גוט אזוי נאך א טראפ יעצט קוק אין שפיגל-

הע? הע? פיין ווי ס'פאסט דיר ממש פונקט!

דער חצקל שפאצירט ארויס פונעם געשעפט אינגאנצן איינגעקנייטשט און איינגעבויגן... אזוי ארויפשפאצירנדיג די גאס שטעלט אים איינער אפ און פרעגט אים -

זאג נאר, ווער האט דיר אויפגענייט אזא גוטע שיינע אנצוג?
ער קוקט אים אן ביסטו פון קאפ געפאלן? דער אנצוג איז דאך קורץ וואו ס'דארף זיין לאנג און ברייט וואו ס'דארף זיין שמאל...

דער קען זיך אבער נישט געגוג אפווינדערן אויף "דעם שיינעם אנצוג"... ער זעהט די וואונדער אין חצקל'ס אויגן זאגט ער אים:

"אויב אויף אזא קריפעל ווי דיר האט דער שניידער געקענט אויפנייען אזא אנצוג מוז זיין אז ער איז א גוטער שניידער"!!!!
דער אידל ענדיגט טרינקען זיין קאווע און ער שפאצירט ארויס פון מיין אפיס...

איך לויף אים נאך "וואס איז די נמשל?"

ער שרייט צוריק פון די אנדערע עק האללוועי

"כ'ווייס נישט"!

איך טראכט צו מיר אזא משל מוז ווערן אן ארטיקל אבער וואס טוט מען מיט א נמשל?

אזוי טראכט איך צו זיך, אזא מין נמשל אדער אזא מין נמשל...



אפשר קען עס ארויפגיין אויפן דרך הלימוד...

איינער קומט דיר זאגן הע ס'הייסט נישט געלערנט... וכו' וכו'

אנשטאט האבן חלושת הדעת און טראכן הה דער זאגט דאך גוט אפשר טאקע... געדענק דער איז פונקט ווי דער קריפל מיטן שיינעם אנצוג...

נאכדעם האב איך געטראכט אפשר זאל דער נמשל זיין איינער קומט דיר דרייען א קאפ ביזוט דאך אזא נארמאלע מענטש... וכו' וכו'...

יא יא דו האסט א פנים ווי דער חצקל איינגעקנייטשט אינעם זיידענעם אנצוג...

למעשה נאכן טראכטן ארויף און אראפ האב איך מחליט געווען איך שרייב נאר דער משל און יעדער קען זיך אליין אויס'נמשל'ן א נמשל פאר זיך...

יעדער איינער טרעפט זיך אמאל אן מיט א חצקל... ס'קוקט אויס פון דרויסן ווי אלעס שטימט אזוי שיין... ממש דו באקומסט שוין חלושת הדעת... דערמאן דיך אז אונטער דער שיינע בעקיטשטע ליגט אן איינגעדרייטער קריפל...

ברסלב איז נישט א רעקל וואס מען דארף זיך אין דעם אריינפאסן, יעדער גייט אנגעטון אזוי ווי ער האט געזען אינדערהיים, און פירט זיך אזוי ווי ער האט געזען ביי זיין טאטע, נאר וואס דען? ברסלב איז די שכל שבו, מען פיטערט דיר לעפלעך פון אמונה, לעפלעך פון שמחה און אזוי ווייטער, דארפסט נישט אזוי אויסזען אדער זיך פירן דווקא מיט די סארט מנהגים, דער עיקר איז נעם די שכל וואס מען לערנט דא און הייב אן לעבן מיט דעם.

שכוח אייבערשטער אז איך האב געטראפן א ראש ישיבה וואס לערנט מיר ווי אזוי צו זיין אן ערליכער איד און צו קוקן נאר אויף תכלית, שכוח אייבערשטער פאר דער לעכטיגע זיסע ווינקל היכל הקודש וואס ווייזט מיר ווי אזוי צו דינען דער אייבערשטער מיט אן אמת!





## א סעודה

# מיט'ן ראש ישיבה

### פרייטאג צונאכטס - פרשת שמות אין ירושלים תשפ"ג חלק ב'

דער ראש ישיבה האט געהייסן אלע בחורים זאלן דערציילן מעשיות פון הפצה; המפיץ שלומי פערל האט דערציילט אז ער האט געטראפן אין מיסט א גאנצע פעקל פון 'מעשה'לעך פאר קינדערלעך', האט זיך איינער אנגערופן פאר דער ראש ישיבה: "אזוי גייט עס דא, מ'געבט איינס און זיבן גייט אין גארבעדזש"...

האט דער ראש ישיבה געזאגט: "דער רבי זאגט עס, דער רבי האט דערציילט אז ס'איז געווען א בן מלך וואס ער איז געווען זייער זייער קראנק, און דער קעניג האט געזאגט אז ער איז גרייט אוועקצוגעבן אלעס וואס ער קען כדי ער זאל האבן א רפואה, איז געקומען א דאקטער און ער האט געזאגט אז ס'איז דא פאר אים א רפואה אבער ס'איז זייער זייער א שארפע מעדעצין, ער וועט עס נישט וועלן אריינעמען אין מויל, האט דער קעניג געזאגט אז ער איז גרייט צו באצאלן וויפיל מ'קען, האט ער געזאגט אז מ'דארף קויפן ריזיגע פעסער פון די מעדעצין אפילו ס'איז זייער א שארפע מעדעצין, און מ'דארף אויסגיסן די פעסער אויף אים, און אפשר אפשר וועט אריינגיין איין טראפ אין זיין מויל אזוי וועט מען אים קענען אויסהיילן". האט דער ראש ישיבה מסביר געווען אז די זעלבע זאך איז הפצה, מ'דרוקט און מ'דרוקט און מ'דרוקט אז נאך א איד זאל קענען מקורב ווערן.

המפיץ 'יענקי' סאמעט האט געפרעגט דער ראש ישיבה אויב די סיבה פארוואס ער זאל נישט קומען אין ישיבה איז נאר וועגן הפצה, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "אוודאי! אוודאי איז עס נאר וועגן הפצה! ווייל אין אמעריקא וואו קענסטו גיין הפצה?! ווי סאך אידן וואוינען שוין אין אמעריקא?... אין ארץ ישראל איז אלעס אידן, אלעס איז אידישע נשמות, דא קענסטו גיין הפצה עד אין

> **איך מאך היינט צו די שטעטל, איך דארף נישט קיין שטעטל אויב ס'גייט נישט קיין שידוכים.**

סוף".

דער ראש ישיבה האט אים נאכדעם געפרעגט: "פארוואס ווילסטו קומען אין ישיבה?! ווילסט זיין נעבן דער ראש ישיבה?! איך האב געהאט א בחור אין ישיבה, ער איז געווען אין ישיבה פאר פיר יאר, ווען איך האב אים אנגעטראגן א שידוך האט ער נישט געוואלט גיין צום שידוך, איך האב אים אנגעטראגן א שידוך פון צפת און ער האט נישט געוואלט גיין צום שידוך, ער זאגט מיר: "ראש ישיבה איך וויל וואוינען אין שטעטל", איך האב אים געזאגט: "איך מאך היינט צי די שטעטל, איך דארף נישט קיין שטעטל אויב ס'גייט נישט קיין שידוכים".

ברכת המזון האט דער ראש ישיבה מכבד געווען דער מנהל ר' אברהם משה, און דער ראש ישיבה האט אויסגערופן 'כהן בענטשן',

נאכן סעודה האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן: "שוין, גייטס צום באטע גייטס צום באטע, ווארטס נישט אויף מיר". און דער ראש ישיבה געבט זיך אזא רוף אן: "וואס גיי איך רעדן?! וואס זאל איך רעדן?! באשעפער איך ווייס גארנישט", האט זיך איינער אנגערופן 'הפצה', איינער האט זיך אנגערופן 'ליב האבן שבת', 'זיין פריילך שבת', און אזוי ווייטער, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "יעדעס מאל פאר איך רעד ווייס איך גארנישט וואס איך גיי רעדן", האט איינער געזאגט אז דער ראש ישיבה האט עס שוין געזאגט יענע יאר פאר די באטע... האט דער ראש ישיבה געזאגט: "יא?! כ'האב אזוי געזאגט פאר די באטע?! איך ווייס גארנישט, איך ווייס גארנישט, איך קען גארנישט".

דער גאנצער עולם האט געזאגט גוט שבת, און דער ראש ישיבה האט געזאגט מ'זאל גיין צום באטע און ער וועט שוין נאכקומען.

# ווער קענט איר?

קענט איר אויסגעפונען
ווער, ווען און וואו איז די בילד?



תשובה פון די פריערדיגע וואך




מוהרא"ש זי"ע ביים געבן א שיעור אין ישיבה - שנת תש"ע

1. מו"ה מנשה איצקאוויטש הי"ו
2. מו"ה שלום שניטצלער הי"ו
3. מו"ה אשר יעקב בלום הי"ו
4. מו"ה מנחם מענדל שימשאוויטש הי"ו
5. מו"ה שלמה זלמן עפשטיין הי"ו
6. מו"ה שמואל שווארץ הי"ו
7. מו"ה מרדכי אהרן הײלפרין הי"ו
8. מו"ה ישראל מנחם ראזענבערג הי"ו
9. מו"ה אייזיק ראטה הי"ו
10. מו"ה ברוך מרדכי פעקעטע הי"ו
11. הרב רבי יצחק לעסער שליט"א
12. מוהרא"ש זי"ע

## שיקט אריין אייער ענטפער צו די רעדאקציע

**די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם אינעם קומענדיגן בלעטל**

# קלאסיפיידס

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*


## קרית ברסלב ספרים סטאר

51 Twin Bridge Liberty NY 12754

עס איז יעצט דא א גרויסע סעיל אויף אלע
מדרשים פון זכרון אהרן ביז 30% אראפ

זוהר מתוק מדבש גרויסע רעגעלער $525 יעצט $439
קליינע רעג $400 יעצט $339

אויך האבן מיר א גרויסע אויסוואל פון פורים זאכן
פאר אייך און די גאנצע משפחה
מגילה זאגערס, מגילה האלטערס, ביכלעך, און נאך.

לייבי ראטה
347-578-4449

בס"ד

## KB BUSINESS SOLUTIONS

BOOKKEEPING SERVICES

We take care of all your bookkeeping and billing needs

Ephraim Feldman
845-587-2421
kbbsbookkeeping@gmail.com

## בשורה טובה!

א פוס דאקטאר וועט אראפקומען אין
שטעטל, פאר קינדער און
ערוואקסענע וואס קענען געניסן פון ספעציעלע
orthopedic wear
זיך איינצושרייבן ביטע רופט
(845) 859-9800
צווישן 12:00 און 6:00
די אנדערע צייטן ביטע לאזט א קלארע
מעסעדזש מיט אייער נאמען און טעלעפאן
נומער און מיר וועלן אייך אי"ה צוריק רופן.
פלאץ איז באגרעניצט, שרייבט אייך איין וואס פריער!
דאס איז נאר פאר די וואס זענען נישט געווען אין די זומער.




Luxury beautiful 4 bedroom apartment
to rent out in Shtatel for passover
Please call
845-866-6764

# קלאסיפייד

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

## דירות אין שטעטל פאר שבתים

מנחם שטיינבערג – 347-461-2244
יעקב יאקאבאוויטש – 347-641-3618
יואל וועבערמאן – 845-662-8423
יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122
אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566
ראובן בירנבוים – 347-549-5625
גרעסערע דירה 845-637-5367

---

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א
שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין
ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש
עצתו אמונה.
אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.
רופט לייבי ראטה
347-578-4449

---

## השבת אבידה

מיט גרויס פרייד טוען מיר מעלדן די עפענונג פון
א השבת אבידה שטיבל אין שטעטל.
מער פרטים קומענדיגע וואך אם ירצה השם.

---

LOUNGE
computer + comfort

מיר ווילן לאזן וויסן אז עס איז שוין דא
אהערגעשטעלט פיינע קאפי אינעם לאונטש.

אויך ווילן מיר לאזן וויסן אז די קרעדיט קארט
ביים ווענדיג מאשין ארבעט שוין.

---

## PLUMBING SERVICE

For all your plumbing needs
Specializing in:
New construction• camps and country's • booster pumps • waterworks and more

Call LAZER MAINTENANCE
**917-202-1206**

---

**Linen Boutique**
Linen • Towels • Tablecloths

**Full line of fine quality Linen, Towels and Tablecloths**

**Our satisfied customers**
is our brand

**Gift certificates** are welcome!

Please contact **Breindy Tyrnauer**
347-228-2931
75 Twin Bridge Rd. • Liberty NY 12754

מחנה
אילן החיים
מוסדות היכל הקודש ברסלב
בנשיאות מורינו
הראש ישיבה שליט"א

# מחנה
# אילן החיים

ליבערטי ניו-יארק

## מיט גרויס פרייד

טוען מיר מודיע זיין אנשי שלומינו, אז מען קען שוין דינגען א באנגעלוי אין מחנה אילן החיים פארן קומענדיגן זומער הבא עלינו לטובה.

צו דינגען א באנגעלוי רופט:
מו"ה ישעי' איידליס הי"ו
**347-831-1391**

אמרי' אין צו מתברך זיין אינטער דער ביימער

# פאר די ברסלב'ע שטוב

ד. ווייסמאנדל



# אינגאנצן פארפאלן

**אויפן נידריגן גאלדענעם טישל איז געלעגן א פעקל סחורה און געוואַרט אויף מיר צו ווערן סארטירט.**

**איך האב זיך אראפגעזעצט אויפן ברייטן לעדערנעם פאטעל, און פארזיכטיג ארויסגענומען די ערשטע סחורה, די רויטע גלאנץ האט מיר פארבלענדעט די אויגן, ניין איך קען עס נישט זען א גאנצן טאג פאר די אויגן.**

די קומענדיגע סחורה איז הערליך שיין, אבער... עס איז געמאכט פון וואל, מיט נאך עפעס, איך באטראכט עס נענטער, איך טאפ עס גוט אויס, יא! עס איז פון וואל מיט לינען - שעטנז!

איך טאר עס נישט ניצן!

אבער... קוק וואספארא הערליכע קאלירן!

און עס איז נישט מער ווי פאר פארהאנגען און בעט דעקעס...

ווער וועט בכלל וויסן אז עס איז שעטנז.

דא אין פאלאץ?  ווער'ט אינטערעסירט בכלל איך זאל אכטונג געבן אויף דעם? איך בין שוין פארפאלן דא צווישן די גוים, וועמען גייט עס אן.

ניין! ניין! ניין! איך בין א אידיש קינד, דער אייבערשטער האט מיר נאך אלס ליב, איך גיי נישט ניצן שעטנז, איך לייג

עס שנעל אין זייט, הא, יעצט קומט א גוטס, א זיידענע סחורה אין הערליכע איידעלע קאלירן.

**"נהורתא!** - אין איין אויגנבליק שטייט די דינסט מיידל נעבן מיר, און פארנויגט זיך - **הויכגעשעצטע קעניגין!"**

**"טאכטערל מיינס! טראג די סחורה צו די שניידערקע, זי זאל פון דעם אויפנייען בעט דעקעס און פארהאנגען צום נייעם יאר!**

"צום באפעל!"



איך באטראכט איר פונדערווייטנ'ס, א מתנה וואס דער אייבערשטער האט מיר געשיקט דא אין פאלאץ, זיבן דינסט מיידלעך האט מען מיר צוגעשטעלט, און דער אייבערשטער האט צוגעפירט זיי זאלן אלע זיין אידישע קינדער, יעדן טאג קומט א אנדערע, אזוי קען איך זיי רופן לויט די טעג פון וואך, אז אפילו אין די שווערע טעג, ווען עס איז מיר אוממעגליך צו האלטן קאפ ווען עס קומט שבת, זע איך שוין לויט די דינסט מיידל וועלכע טאג עס איז אין וואך.

היינט איז נהורתא מיט מיר, איר נאמען מיינט ליכטיגקייט, און דאס מיינט צו זאגן אז עס איז שוין מיטוואך, ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די זון און לבנה...

עס קומט שוין שבת... ביים פעטער אין שטוב הייבט מען זיך שוין אן צו גרייטן צום הייליגן טאג... און איך בין דא פארפאלן צווישן גוים, וואו מען דערקענט נישט קיין זכר אז עס קומט שבת...

א ציפעדיגע בענקעניש נעמט מיר ארום... איך בענק זיך אזוי צום שיינעם שבת טיש, די שבת'דיגע מחיה'דיגע עסן, די ווארעמע זמירות... צו וועל איך נאך אמאל זוכה זיין עס צו מיטהאלטן???

**"מיין הויכגעשעצטע מאיעסטעט!"**

איך וועק מיך אויף פון די זכרונות, נהורתא איז שוין דא צוריק, **"איך האב אויסגעפירט וואס די קעניגין האט מיר געבעטן, און איך וויל אייך מעלדן אז אין א האלבע שעה דארף מען ארופגיין צו מיטאג"**. איך שאקל צו מיטן קאפ.

"און..."

זי וויל נאך עפעס זאגן? וואס האט זי מורא? **"טייערע טאכטער! דו דארפסט מיר נאך עפעס איבערגעבן?"**

זי ווערט בלאס, אבער זי שטארקט זיך, און זי רופט אויס: **"דער הויכגעשעצטער קעניג וויל אז די קעניגין זאל אריינקומען צו אים נאכן עסן!"**

עס ווערט מיר שלעכט, די גאנצע צימער מיט אלע פארהאנגען, לייכטער'ס, בילדער און מעבל נעמט זיך דרייען פאר מיינע אויגן, איך פיל ווי נהורתא האלט מיר אונטער.

**"ליבע קעניגין, נעם, טרינק אביסל וואסער"**, איך נעם איבער די גלעזל פון איר, און איך מאך שטיל און לאנגזאם די ברכה: **"שהכל נהי' בדברו"**.

צוביסלעך קום איך צו זיך, און איך חזר זיך איבער: **שהכל נהי' בדברו - אלעס איז פון אייבערשטן.**

עס נעמט מיר קלינגען אין מח מיין ליבער פעטער'ס קול: **"אז דער אייבערשטער האט צוגעפירט אז דו זאלסט זיך געפינען ביים גוי אין פאלאץ, איז זיכער אז אזוי איז גוט, דו ווערסט נישט פארפאלן פון כלל ישראל, דאס וויל דער אייבערשטער פון דיר יעצט, אפשר וועסטו נאך אמאל זען די גוטס פון דעם".**

געמוטיגט פון די מחשבות האב איך כח צו ארופגיין עסן, א אנגענעמער גערוך ענטפאנגט אונז, עפעס אנדערש ווי איך בין צוגעוואוינט, וואספארא עסן ליגט שוין גרייט אויף מיין פלאץ?

**נהורתא? האסטו היינט נישט געקאכט בעבלאך אזוי ווי יעדן טאג?** נהורתא קוקט זיך ארום: "איך האב היינט יא צוגעשטעלט עסן, עס זאל זיין עפעס כשר'ס צו נעמען אין מויל, איך גיי איבערקוקן וואס דא טוט זיך".

דערווייל שמעקט ארײַן די עסן אין מײַן נאז, איך ווייס שוין נישט וואס טוט זיך מיט מיר, איך גיי זיך דאך באלד טרעפן מיט א טמא'נער גוי, ווען גייט אן אז איך וועל אויך עסן די נישט כשר'ע עסן?? עס שמעקט אזוי גוט! איך באטראכט עס אביסל נענטער פלייש... מיט בלוט...

**ניין!** עס פארעקלט מיר ביז צום ברעכן! איך בין א אידיש קינד, דער אייבערשטער זעט אלעס, און ער וויל איך זאל עסן נאר כשר'ס, איך גיי עסן נאר כשר'ס!

צוויי גרויסע קײַלעכדיגע טרערן גליטשן זיך אראפ, זאל ער טראכטן אז איך וויין וועגן דעם, זאל ער מיינען אז איך וויין אויף מײַן יתמות, און נישט אז איך וויין אויף מיינע בליענדיגע יארן וואס גייען אוועק צווישן די גוים.

ענדליך איז נהורתא דא צוריק אין באגלייטונג פון א נייע קעכערן.

אהא, זי דארף זיך דא אהערשטעלן פאר מיר, די קעכערן קומט צו מיט א פלעסטיק שמייכל, "הויכגעשעצטע קעניגן, גייסט באלד ארײַנגיין צום קעניג, איך האב דא געקאכט די בעסטע פלייש מיט די בעסטע געווירצן, די קעניגן זאל האבן כח און אויסזען גוט!

איך ווייס שוין נישט אויף וועלכע וועלט איך געפין זיך, וואס וויל איך דא?? נישט מער ווי אביסל כשר'ע עסן???

נהורתא לויפט רופן הֶגַי, און סוף, סוף מאכט ער סדר,

**די קעניגן פארטראגט נישט קיין פלייש, זי מעג עסן נאר באנדלעך, פרוכט און גרינצייג, וואס די דינסטן גרייטן איר אן אויף א ספעציעלע וועג.**

די קעכערן האט נישט קיין ברירה, און נהורתא קען מיר צוברענגען די גוטע פשוט'ע כשר'ע באנדלעך.

איך דארף שוין יעצט ארײַנגיין צום קעניג, נהורתא באגלייט מיר מיט שטרויכל'דיגע טריט, און איך טרעף זיך גאר איר שטארקן: **"דער אייבערשטער איז מיט אונז, דער אייבערשטער פארלאזט אונז נישט, וואו אונז גייען, און וואו אונז שטייען איז דער אייבערשטער מיט אונז, און יעצט וויל איך דיר בעטן נהורתא, שיק הֲתָך זאל איבערגעבן מרדכי הצדיק אז איך וויל זיך טרעפן מיט אים היינט נאכט".**

אחשוורוש זיצט אויף זײַן גרויסן שטול ארומגענומען מיט די גאלדענע חיות, איך זעץ זיך אוועק אויפן שטול אנטקעגן איבער, און איך פיל ווי עס שטעכט מיר דארט מיט טויזנטער נאדלען.



"ליבע קעניגן! - הייבט ער אן - קוק ווי איך שטעל דיר אלץ צו, דינסטן, ספעציעלע עסן, ספעציעלע קליידער, וואס דו ווילסט נאר באקומסטו אויפן גאלדענעם טאץ, איין זאך וויל איך וויסן, פון וואו שטאמסטו? וועלכע פאלק ביסטו? ווער איז דיין טאטע? דיין מאמע? דיינע זיידע'ס? דיינע באבע'ס?"

מיין קול ווערט געשטיקט: **"אדוני המלך, איך וואלט דיר געוואלט צוליב טון, אבער איך ווייס נישט! פון ווען איך בין געבוירן בין איך א קיילעכיגע יתומה, איך האב זיך אלץ געדרייט פון איין הויז צו צווייטן, געגעסן וואס מען האט מיר צוגעווארפן, איך האב מיין טאטע מאמע קיינמאל נישט געזען, איך ווייס נישט ווער זיי זענען!!"**

צוויי גרויסע קיילעכדיגע טרערן גליטשן זיך אראפ, זאל ער טראכטן אז איך וויין וועגן דעם, זאל ער מיינען אז איך וויין אויף מיין יתמות, און נישט אז איך וויין אויף מיינע בליענדיגע יארן וואס גייען אוועק צווישן די גוים.

אחשוורוש דערשרעקט זיך פון מיינע טרערן און לאזט מיר צורו.

נהורתא ווארט מיר אפ אינדרויסן, **"קום מיין ליבע טאכטער! לאמיר זיך גרייטן זיך צו טרעפן מיט מרדכי הצדיק!"**

מיין ליבער פעטער ווארט אויף מיר מיט זיינע טיפע רחמנות'דיג אויגן, איך פאל אים צו די פיס און פלאץ אויס אין א געוויין: **"ווילאנג נאך?? ווילאנג וועל איך נאך זיין דא פארכאפט? איך פיל זיך אינגאנצן פארפאלן, א גאנצן טאג צווישן עקלדיגע גוים, איך דארף זיך שלאגן אויף יעדע קליינע זאך, זיך צו האלטן ביי די אמונה, וואס גייט זיין מיט מיר???"**

**"אסתר'ל מיינס! דער אייבערשטער איז מיט דיר! געדענק עס גוט, ער פארלאזט דיר נישט אוואו דו ביזט, אוואו די גייסט, אוואו דו שטייסט, דו ביזט נישט פארפאלן פון כלל ישראל,**

**דער אייבערשטער האט דיר נישט סתם אוועקגעלייגט דא, אלעס האט א חשבון, דערווייל שטארק זיך!**

**רעד צום באשעפער יעדן איינציגן טאג, דערצייל אים אלעס וואס גייט אויף דיר אריבער, ווי שטארק דו מוטשעסט זיך אין יעדן פרט און פרט, דער אייבערשטער וועט דיר זיכער העלפן,**

**ווער ווייסט? אפשר וועט נאך דורכדעם ארויסקומען א ישועה פאר כלל ישראל???"**

**ווער ווייסט???...**

**מיר ווייסן אלע אז אסתר המלכה איז פאראייביגט געווארן אלס די העלדין וואס האט געראטעוועט כלל ישראל, זי ווערט באזונגען און באלויבט, יאר נאך יאר, דור נאך דור, אונזער לעבן זענען מיר שולדיג פאר אסתר, און אין איר זכות האבן אונז היינט דעם ליבן יום טוב פורים,**

**זי איז נישט פארפאלן געווארן פון כלל ישראל - נאר ווייל זי האט זיך געהאלט מקושר צו א צדיק, און איז אלעס געפאלגט, אפילו ווען זי האט נישט פארשטאנען, און אזוי האט זי זוכה געווען זיך צו מוסר נפש זיין און ברענגען די גרויסע ישועה.**

**שכח אייבערשטער אז דו האסט אונז געגעבן די שכל, צו ווערן מקורב צו א צדיק, וואס לערנט אונז אז מיר זענען קיינמאל נישט פארפאלן.**

**העלף אונז טאטע זיסער! מיר זאלן אלעמאל בלייבן נאנט צום צדיק וואס ברענגט אונז נאנט צו דיר!**

**אשרינו שזכינו!**



# מעשה פון תפלה
# פאר קינדער

פייגי שטראססער תחי׳ - קרית ברסלב פארציילט:




שיינדי אינדיג תחי׳ - וויליאמסבורג פארציילט:



# קליין און שיין



שלום עזריאל און שמעון מאירוביץ נ"י
טאהש קאנאדא



אלימלך האלפערן נרו יאיר
סטעטן איילענד

## שיקט אריין
## א בילד
## פון אייער קינד



# טרעף

## די פאלגענדע ווערטער...

| | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| מ | ח | ק | ד | י | ב | ג | כ | ש | י | ק | ו | ש | כ |
| ו | ג | ק | ר | ו | ד | ט | ה | ש | ט | ע | ו | ר | ח |
| ז | ק | י | ט | מ | צ | ז | א | ג | ג | ק | ע | ג | ל |
| ק | ה | ז | ת | ו | ע | ו | ר | צ | ו | ג | ר | ז | ב |
| ז | נ | ת | ג | נ | ז | ז | ר | צ | י | מ | ו | ג | ע |
| ק | ס | ב | י | י | ק | ג | מ | ל | נ | י | ז | ש | י |
| פ | ע | ח | י | י | ש | כ | י | ה | ג | ז | פ | ל | ט |
| ח | נ | נ | ש | ז | כ | י | ד | ש | ס | ב | ע | ח | א |
| ת | פ | ס | ע | מ | ה | פ | נ | ח | ד | ע | ב | נ | ת |
| ס | ד | ג | ח | נ | א | ר | ש | כ | צ | ז | מ | ג | ר |
| ו | ג | ק | מ | ל | ח | י | צ | ל | ג | ה | ע | ל | פ |
| י | מ | ק | פ | ח | ב | י | ו | נ | ה | ב | כ | ז | ה |
| פ | ע | ג | ג | ז | א | ל | ר | מ | ב | ס | י | ס | ה |
| ש | ס | ט | ו | ה | ש | י | א | ו | א | כ | ע | ר | י |
| ב | מ | ז | ו | צ | ע | כ | נ | ס | צ | ג | מ | י | ת |
| ב | א | ר | פ | פ | פ | י | ז | א | ד | ק | ט | ג | ב |
| ז | י | ש | ד | ת | ע | ל | פ | ו | ר | י | מ | י | ז |
| ו | כ | ר | ט | ר | ר | ב | צ | ז | ס | ו | ב | מ | א |

הייליגער
באשעפער
העלף איך
זאל קענען
זיין פרייליך
יום טוב
פורים



# טרעף

## די וועג פון איין
## צייט קעסטל צום
## צווייטן...



## לאמיר שפילן

# סודאקא

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | 3 | 5 | 1 | 8 | | | |
| | 4 | | | | 9 | 5 | 8 | |
| | 8 | | 4 | | 6 | | | 3 |
| 4 | 3 | 9 | 8 | | 7 | 2 | | 5 |
| 7 | | | | | | | | 9 |
| 6 | | 1 | 2 | | 4 | 8 | 3 | 7 |
| 8 | | | 6 | | 3 | | 5 | |
| | 6 | 7 | 9 | | | | 2 | |
| | | | 7 | 5 | 2 | 9 | | |

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | 5 | | |
| | | | 2 | 1 | |
| | | | | | |
| 6 | 5 | | | 3 | |
| | | 1 | | | 6 |
| | 2 | | | | 5 |

# ספר המדות

## פאר קינדער

### אמת - חלק שני

ו. מִי שֶׁאֵינוֹ מְדַבֵּר אֶחָד בַּפֶּה וְאֶחָד בַּלֵּב, אֵינוֹ מִתְיָרֵא מִטְבִיעַת מַיִם.

וֶוער עֶס זָאגְט נִישְׁט אַנְדֶערְשׁ פוּן וָואס עֶר טְרַאכְט אִין הַארְץ, דַארְף נִישְׁט מוֹרָא אַז עֶר וֶועט זִיךְ דֶערְטְרֶענְקֶען אִין וַואסֶער.

# חידות

## אפטיילונג

דער הייליגער רבי זאגט: אויב מען לערנט זיין ספר, קען מען זוכה זיין צו:

א. ווערן א פרייליכער מענטש
ב. עולם הבא
ג. האבן קינדער
ד. ווערן א גרויסער בעל תשובה

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך

די חכמים זאגן: משיח וועט קומען נאר בזכות וואס מען לערנט משניות

געווינער פון פאריגע וואך

אליעזר שלמה בירנבוים נ"י - קרית ברסלב

שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו אייער נאמען צו 845-379-1161

## האוסטו דורך געלערנט

# עצתו אמונה

## פרשת משפטים?...

### פון רעכטס צו לינקס

2. בעטן טויזנט מאל און הונדערט טויזנט מאל, ביז מען וועט _____ האבן פון הימל

4. ווען עס פייניגט שלעכטע מחשבות, איז די איינציגסטע רפואה אויף דעם _____

5. ווי _____ זענען מיר, מיר זענען די אויסדערוועלטסטע פאלק, קינדער פון אייבערשטן

6. עסן סעודת _____ _____ איז מסוגל אויף זייער גרויסע זאכן

9. לערנען תורה איז אזוי ווי אן _____ פאר'ן מענטש

12. הערט אויף _____, ווייל דאס וועט ברענגען שרעקעדיגע זאכן

13. אויך פאר'ן הייליגן רבי'ן איז שווער געווען צו לערנען די הייליגע _____

16. אלע _____ און סגולות ליגט אין תהלים

17. איך דאנק דיר רבונו של עולם, איך גיי נאכאמאל טון די _____ פון אנטון תפילין

18. געוואוין זיך צו אויסצושמועסן יעדע זאך מיט'ן _____

19. מאך א שיעור אין רבינ'ס ספרים, ועסטו נישט האבן _____ אויפ'ן אייבערשטן

### פון אויבן אראפ

1. מיט די צייט הויבט מען אן שפירן א _____ און א טעם אין תורה

3. מען זאל נישט אוועקגיין פון די _____ פון די עלטערן

7. געבט גוטע _____ פאר יעדן איינעם, דאס איז די גרעסטע צדקה

8. די _____ נעמט ארויס יעדע ברעקל יראת שמים

9. אויב דאס איז אן _____, קען עס נישט זיין שיין

10. ווי שטארק דיין _____ _____ איז, זענען די עצות פון צדיקים נאך שטערקער

11. איינער _____ און דאנקט דעם אייבערשטן, ברענגט מען אים פיל גוטס

14. קיינמאל נישט אויפשטעלן א _____ וואס קומט עסן ביי א שמחה

15. זינגען _____ שבת און מוצאי שבת, איז א יסוד אין אידישקייט





# בילדער
## אפטיילונג



קרעדיט: בערל שניטצלער

ביים אריינזינגען אין סטודיו פארן נייעם אלבום פונעם ראש ישיבה שליט״א



קרעדיט: אלי׳ זעלקאוויטש

א בילד פון די הייער אויף די פרישע הייזער ביים בארדיטשעוו גאס אין שטעטל



קרעדיט: שלמה טייטלבוים

מען פארגרעסערט היכל הקודש לאנדאן




קרעדיט: ישראל דוד העסקעל

די טאוועל אין פארנט פונעם בית המדרש



קרעדיט: ישראל דוד העסקעל

דער הערליכער פארגרעסערטע בית המדרש




די קינדער פון כיתה ה' אין שטעטל באזוכן אין ברסלב'ע מצה בעקעריי







מען באקט מצות אינעם ברסלב'ן מצה בעקעריי



מסיבת בן גמלא אין סטעטן איילענד




דער ראש ישיבה אין א שמועס מיט די בחורים - זונטאג משפטים




אנגעקומען פרישע שיפמענט אין בני ברק פון ספר עצתו אמונה חלק ב'




לחיים פון החתן מרדכי לייב טירנויער הי"ו



קרעדיט: שלמה יאקאבאוויטש



קרעדיט: שלמה יאקאבאוויטש

**בית התבשיל חלוקה אין שטעטל פרייטאג משפטים**



קרעדיט: דוב קליין

**שלש סעודות אין בית המדרש היכל הקודש - עצותו אמונה יבנאל (בילד געכאפט נאך ר"ת)**



**דער ראש ישיבה בײם וואכנאכט פון העסקן מו"ה מתתי' רוטנער הי"ו - א' תרומה**



קרעדיט: אברהם הערש



קרעדיט: אברהם הערש

**מלוה מלכה מוצאי שבת שקלים אין שטעטל**



קרעדיט: יוסי פרערויא



קרעדיט: אברמי פריעדריך

**ברית אין היכל הקודש לאנדאן פון בן מו"ה שמחה בלאק הי"ו - א' תרומה**